ב"ה

# אין ליכט
# פון תורה
ספר
# עונג שבת
אידיש

452

הוצאת אמונה
ברוקלין נוא יארק,
שנת תשמ"ו לפ"ק

הרב מתתיהו יחזקאל גוטמן

# עונג שבת

ווערטער, געדאנקן
ערקלערונגען, ערציילונגען, און
מעשיות פאר שבת און יום־טוב

מהדורה חדשה בהוספות ותיקונים

כתובת המחבר:
הרב מ. י. גוטמן, יפו, גבעת־עליה

---

סודר במסדרת „צור", תל־אביב
נדפס בדפוס „יהלום", תל־אביב
תשי"ד

# פאררעדע.

אח, גאלדענע צייטען פון אמאל:

יודען זענען געוועהן מעהר נעהנטיר צו די שיללען אין בתי־מדרשים. שעה'ן לאנג פלעגען זיי דארט אין די מקומות קדושים פארברענגען, אין דער פריה און אויף דער נאכט. דאס מקום קדוש איז געוועהן דאס בעסטע פארווייללונגס פלאטץ. אחוץ דעם וואס דארט האט דער יוד זיך פערבינדען מיטן פאטער פון הימעל, אויסגעגאסען פאר אים דאס הארץ און געבעטען אויף געזונד און פרנסה און אללע אנדערע באדערפנישען, האט ער זיך דארט אויך פארבינדען מיט דער תורה. יעדער וואס האט געקאנט אריינקוקען אין „דריבנע אותיות", פלעג צו געהן צום ספרים־שראנק און ארויסנעמען א גמרא, א זוהר, א מדרש אדער א אנדער ספר און זיך פארטיעפען און דעם אשטיק צייט. דאס האט אים אבגעריסען אביסעל פון וואכאדיגען לעבען, פון גשמיות, און אים דערהויבען צום עולם האצילות. ער איז דורך דעם פארבונדען געווארין מיט אונזערע „גדולים" פון פארגאנגאנע דורות. זייער גייסט, זייערע אידיאלען, זייערע מחשבות און זייערע שטרעבונגען האבען געפונען א עכא, א אבקלאנג און זיינע טיפענישען און אים דורכגעדרינגען, פארנומענדיג זיין מוח און זיין הארץ.

ווער עס האט ניט געקאנט אליין מעיין זיין אין א ספר, אדער ווען מ'איז געוועהן מיעד אין ס'האט זיך ניט געלאזט ארייבקוקען, האט מען זיך אוועק געזעצט פיהרען איידעלע שמיעסען, דברי תורה, אדער אפילו שיחות חולין של תלמידי חכמים, מ'האט „נאך געזאגט" שעהנע שארפזיניגע דבורים, מען האט דערציילט ספורים און אנעקדאטען אדער אזוי „גלייכווערטער" פון גאונים און צדיקים, די דאזיגע אינטימע שמועסען האבען געהאט א גרויסע בעדייטונג, א געוואלדיגע השפעה. זיי האבען אין אונזער פאלקס ערציהונג געשפיעלט זעהר אגרויסע ראללע. זיי האבען יעדען בעצויבערט דורך זייער אינטימען חן, דורך זייער ליעבליכען געשמאק. יעדער צוהערער האט געפיהלט אהיימישקייט, א ווארימקייט פון ארוחניות־דיגער אטמאספערע. מ'האט זיך געפיהלט און גור אנדערע עולמות, און עולמות פון קדושה, פון שעהנקייט, פון אמת. דאס בענקעניש פון מענש נאך העכערס פון עססען און טרינקען, האט דארט געפונען א תיקון.

היינט וויא איז דאס אללעס?

די שיללען זענען צו אונזער גרויס בעדויערען אם מייסטען פוסט, לעדיג. ווייניג, זעהר וועניג איז די צאל פון די מתפללים. לרוב בעשטעהט דער מנין פון „קדיש זאגר'ס". דיע קומען פונקט ביים אנהויב דאווענען אדער גאר און דער מיט, און ביי עלינו זענען שוין אללע פון יענער זייט טיר. פון טאג צו טאג ווערען אלץ שיטערער די מחנות פון די זקנים, אין באלד איז שוין ניטא פון וועמען צו הערען אידיש ווארט, א דבר תורה.

און אזא צייט פיהלט זיך אנויטיגקייט צונויפזאמלען אללעס וואס ס'פלעג האבען א ארט און א אבקלאנג און אונזער מחנה, דען דאס אללעס דארף ניט אין טאר ניט פארגעסען ווערען. עס מוז בלייבען אויף תמיד אין די אוצרות פון אונזערע פאלקס־זאמלונגען. אנדערע פעלקער קלויבען און היטען אפילו אלטע טשערעפעלך פון זייערע פארגאנגענע דורות, מיר מעגען לכל הפחות זאמלען און היטען, די דבורים און בלוציגע געדאנקען, מיט וועלכע

אונזערע אלטע פלעגען זיך „מחיה נפשות״ זיין, מען מעג זיין וויא ווייט פון דיע מחשבות, פון דעם ארט דענקען און פיהלען, אלץ דארף דאס אללעס האבען אווערטה און א חשיבות, מיר דארפען לפחות קאנען און וויססען און וואס פאר א עולמות האבען אונזערע עלטערען געלעבט, געחלומט און געדענקט. זייערע געדאנקען דארפען אונז ניט זיין פרעמד. זייערע אידעען און אידעאלען טארין אונז ניט זיין אונבעוואוסט. אפשר וועט נאך קומען א צייט, און די ליכט וואס האט זייערע אויגען בעלייכטעט וועט פאר אונז אויך לייכטען, און אונזער טינקעלקייט בעשיינען. ווער ווייסט וואס די צוקונפט קאן ברענגען. ס'איז דאך א „גלגל החוזר״. צייטען ענדערן זיך און די מענשען מיט זיי. אמאל קומט מען צוריק צום פריהריגען. אמאל ווערט דאס וואס איז שוין פאר רעכענט וויא אבגעשטארבען, און ניט מאדיש, צוריק לעבעדיג און קומט צוריק און דער מאדע. די קאפריזען פון דער צייט זענען שטארק.

נעמענדיג דאס אללעס און אכט, האב איך געפונען פאר נויטיג אלס „מצות עשה שהזמן גרמא״ דאס דאזיגע ספר צו פארעפענען.

אויב די מחנה לעזער וועט עס אויפנעמען בסבר פנים יפות, און זיך רעכענען דערמיט וויא מיט א ספר וואס די צייט פאָדערט, וועט דאס זיין מיין בעסטער לוין.

*

מיט דער געלעגענהייט פונ'ם ערשיינען פון דיעזען ווערק וויל איך דערמאנען מיט בענקעניש מיינע ברידער: הרב ישראל גוטמן רב ראשי ביאסי (רומניה) והרב מנחם גוטמן רב ביאסי, וועלכענס ווערטער ווערען מעהרערע מאל געבראכט אין דעם ספר. השי״ת יעזור שיזכו בקרוב לעלות לציון ברינה ושמחת עולם.

## בראשית

א. ס' איז ידוע, אז דער סיום התורה איז מקושר צום אנהויב. דאס ערקלערט זיך, ווי די גמרא דערצעהלט (מס' מגילה): די חכמים וואס האבן איבער־געזעצט די תורה פאר תלמי המלך, האבן געשריבען „א' ברא בראשית", כדי ער זאל ניט זאגען אז בראשית איז א נאמען פון גאט. דערויף ווערט מרומז לעיני כל ישראל — בראשית דאס הייסט: פאר אידן קאן זיך די תורה אנהויבן ב ר א ש י ת (בית ישראל).

ב. דער קאצקער האט אמאל געפרעגט רבי יצחק'ל ווארקער, ועלכער איז אנגעקומען פון רבי מרדכי טשערנאבילער: וואס האסטו עפעס געזעהן אין טשערנאביל? ענפערט ער אים: דעם בעל־שם'ס טישעל. זאגט אים דער קאצקער: דארט האסטו געזהן א טיש וואס איז אלט 100 יאר אונזער רבי (דער פשיסחער) ווייזט אונז זאכן, וואס זענען שוין אלט באלד 6 טויזנט יאר — הימל און ערד...

ג. **ויאמר א' נעשה אדם.** אד"ם איז ר"ת: 'אשמרה 'דרכי 'מחטוא, און אויך: 'דרך 'מצותיך 'ארוץ. דאס איז א רמז, אז דער מענש איז מחויב צו היטן די מצות ע ש ה און מצות ל א ת ע ש ה (ר' הלל ליכטנשטיין).

ד. מ'האט געפרעגט דעם בעש"ט פאר זיין הסתלקות אויף דעם מגיד רבי דוב. האט ער געענפערט: ויאמר א' נעשה אדם — מעג מען זאגן אויף אים.

ה. **היא נתנה לי מן העץ ואוכל. אכלתי ואוכל עוד** (מדרש). דער מדרש תלפיות ברענגט: אדם הראשון האט געעסן פון עץ הדעת נאר א חצי שיעור. ריש לקיש האלט (יומא ע"ד) אז מ'עסט נאר אחצי שיעור איז מען פטור. פאר וואס איז אדה"ר נענש געווארן? ס'שטעהט אין ירושלמי (תרומה פ"ו) ריש לקיש איז מודה אויב ער האט בדעה משלים זיין דעם שיעור איז ער חייב. דאס באמערקט דער מדרש, אז אדם האט ניט געזאגט **אכלתי**, נאר **ואוכל**, ווייל ער האט גערענקט ווידער צו עסען... (לחם אשר).

ו. **ויהי מקץ ימים ויבא קין מנחה לד'**.. דער גאנצער חילוק צווישן קין און הבל באשטעהט אין פריהער און שפעטער, קין האט זיך דערמאנט אין אויבערשטן אים ברענגען א קרבן, צ ו ל ע צ ט, מ ק ץ י מ י ם. דאגעגן הבל האט פארשטאנען, אז דאס ע ר ש ט ע דארף מען גערענקען און השי"ת. והבל הביא מ ב כ ו ר ו ת צ א נ ו (בינה לעתים)

ז. **זה ספר תולדות אדם.** מ'האט געפרעגט דעם פשיסחער, פון וועלכן ספר ער זאגט תורה, האט ער געענפערט, פון „ספר תולדות אדם".

ח. **ויאמר לו ד', איכה.** איכה איז ר"ת: א'ני י'ודע כ'ל ה'נסתרות (צדיק א').

ט. ווען מ'האט דעם „רב" מלאדי געבראכט אין געהיים — ראט פון פעטער־בורג, האט אים דער שר געבעטן ער זאל אים עפעס ערקלערן א זאך פין דער תורה. עס שטעהט „ויקרא ד' אל האדם ויאמר לו איכה". ווי איז דאס שייך ביי השי"ת אז ער זאל ניט וויסן וואו דער מענש איז"?

האט אים דער „רב" געענפערט: דו גלויבסט אז די תורה איז א נצחית און זי עקזיסטירט בכל זמן ובכל דור ובכל אדם? דער שר האט געענפערט אז ער גלויבט.

דאמלאס האט אים דער רב ערקלערט: אין יעדער צייט רופט השי"ת צום מענש און זאגט אים א י כ ה? וואו האלסטו אין דער וועלט? דעם מענשן איז דאך אפגעשטעלט וויפל ער זאל לעבן אויף דער וועלט, יעדן טאג דארף ער טון גוטס פאר גאט ב"ה און פאר לייט. דארף ער זיך תמיד בארעכנען וויפל יאר און טעג איז שוין אוועק פון זיין לעבן און וואס האט ער שוין אויפגעטון אין דער צייט.

א מענש דארף זיין בדעה מיושבת, ניט האבן קיין מהירות. ואבדתם מהרה: מ'דארף פארלירן דאס מהירות. מ'דארף תמיד זיין בדרך הממוצע, ניט האבן קיין התנשאות און ניט קיין שפלות. אם תיטיב שאת, אויב ס' איז אים גוט, האט ער התנשאות. ואם לא תיטיב, און אז ס'איז אים ניט גוט, האט ער שפלות און עצבות דורך דעם איז לפתח חטאת רובץ. דאס איז ניט גלייך. נע ונד תהיה בארץ, מ'דארף זיין אין דער מיט. ניט התנשאות און ניט קיין עצבות. נאר אמאל אזוי און אמאל אזוי. אז ער פילט זיך געניגט צו איין עקסטערם, זאל ער זיך בויגן צום אנדערן עקסטרעם, כדי ער זאל זיין בדרך הממוצע, שביל הזהב (בעש"ט).

## נ ח

יא. **צהר תעשה לתיבה. י"א חלון וי"א אבן טובה המאירה** (מדרש). חז"ל זאגן, א מענש זעהט די מפלה פון זיינע שונאים נאר דאן, ווען דער נס איז געקומען אין זיין אייגענעם זכות.

אויף „צדיק בדורותיו" זאגן חז"ל: „יש דורשים לשבח ויש דורשים לגנאי". די דורשים לשבח, וועלכע האלטן, אז נח איז געווען א אמת'ער צדיק, איז דאך דער נס פון זיין רעטונג געקומען אין זיין זכות, האט ער געקענט זעהען ווי דער דור ווערט דערטרונקען. דעריבער טייטשן זיי „צהר — חלון", א פענסטער, דורך וועלכן ער האט געקאנט דורכקוקן און זעהען. אבער די דורשים לגנאי באהויפטן דאך, אז נח איז ניט געווען קיין צדיק גמור באמת, מוז הייסן צהר נאר א דימענט, וועלכער לייכטעט אינווייניג. אבער, וואס ס'טוט זיך אין דרויסן, האט ער ניט געהאט דעם זכות צוזעהען (חתם סופר).

יב. **אף נח מקטני אמנה היה.** אמונה איז המשכה. דורך אמונה איז מען ממשיך די זאך אין וועלכער מ'גלויבט. דעריבער האט נח ניט געוואלט גלויבן אין מבול, כדי ער זאל ניט ממשיך זיין מיט זיין גלויבן (אוהב ישראל).

יג. **ויעש נח ככל אשר צוהו ד' כן עשה. זו עשיית התיבה** (מדרש). ס'איז א וואונדער. די מעשה התיבה איז דאך נאר איין זאך, פאר וואס שטעהט „כ כ ל אשר צוהו"?

עס זיינען פאראן מצות, וואס דער מענש האט מאטעריעל פון זיי הנאה,

אלזא דערקענט זיך ניט, צי ער טוט לשם שמים. אויב ער איז מקיים אויך אנדערע מצות, פון וועלכע דער גוף האט ניט קיין הנאה, איז דאס א באווייז, אז ער טוט אלעס פון גאט'ס וועגן. דעריבער הייסט די 3־טע סעודה פון שבת „שלש סעודות", ווייל ביי די ערשטע סעודות איז ער הינגעריג און דער גוף האט שטארק הנאה פון זיי. אבער די 3־טע סעודה עסט ער, ווען ער איז שוין זאט, נאר כדי מקיים צו זיין די מצוה. איז דאס א באווייז אויף אלע סעודות אז ער מיינט לשם מצוה. דאס זאגט די תורה: נח האט געטון אלעס, וואס גאט האט אים געבאטן, אפילו זאכן, וואס ער האט פון זיי קיין הנאה ניט. כן עשה את התיבה, אזוי האט ער אויך געמאכט די תיבה נאר צו ערפילן די מצוה פון גאט ב"ה, ניט מיט דער כונה זיך צו רעטען (רש"מ מברעזאן).

יד. והיה בענני ונראתה הקשת בענן. איינער פון די גרויסע פרינציפן פון אונזער אמונה איז, אז מ'זאל זיך קיינמאל ניט מייאש זיין. אפילו ווען ס'איז גאר שלעכט, באדארף מען האבן בטחון און האפן אויף דער ישועה. דאס ווערט סימבאליזירט דורך דעם רעגנ־בויגען. ווען די הימלען זיינען באדעקט מיט וואלקענס און די זון שיקט אירע שטראלן דורך די וואלקנס, זעהט זיך אן דער קשת מיט זיינע שענע פארבן. דאס איז א לערע פאר דעם מענשן, אז אויך בעת ס'איז זיין לעבן פארוואלקענט, און שווארצע כמארעס פון צרות און אומגליק באדעקן זיין הימל, אויך דאמאלס שטראלט דער חסד און די רחמנות פון אויבערשטן. ער דארף גלויבן און האפן, אז ער וועט באלד געהאלפען ווערען און ס'וועט אים ווערן ליכטיג (הדרש והעיון).

טו. ואך את דמכם לנפשותיכם אדרוש. דאס עסן פלייש פאראורזאכט דעם מענשן די מדה און די נאטור פון אכזריות און ווילדקייט. דערפאר, נאכדעם וואס מ'האט מתיר געווען צו עסען פלייש, האט מען תיכף אנגעזאגט אויף רציחה (מלאכת מחשבת).

טז. יפת א׳ ליפת וישכון באהלי שם. שיהיו דבריו של שם נאמרים בלשונותיו של יפת (מדרש). מ'דארף פארשפרייטן דעם מאור שבתורה און מוסר היהדות צווישן דער דרויסענדיגער וועלט. די אידעען און אידעאלן פונם אידנטום דארפן געפונען אנ'אפקלאנג אין אלע טיילן פון דער וועלט, אלע שפראכן דארפן זיין כלים איבערצוגעבן די שענע לערע פון שם פאר די פעלקער.

יז. די וועלט פרעגט: וואס איז די רבותא פון דעם נסיון, וואס אברהם האט בעהאט אין אור כשדים? וויפיל פראסטע מענשן האבן זיך מוסר נפש געווען אויף קידוש השם? דאס גרויסקייט פון זיין נסיון באשטעהט אין דעם, וואס דער שטן איז בעקומען צו אים אין געזאגט: דו דארפסט דאך מפרסם זיין די גאטהייט אויף דער וועלט, איז גלייכער אז דו זאלסט לפנים זיין א משתחוה לצלם, וועסטו זיין געראטעט אין וועסט ווייטער קאנען מפרסם זיין דאס אלקות. האט אברהם געזאגט: איך וועל זיך מוסר נפש זיין, איי ווער וועט מפרסם זיין די גאטהייט? דער אויבערשטער קאן

זיך באשאפן א אנדערן, וואס זאל דאס טוען ווי איך (הרי"מ ממאגלינעצ).

## לך

יח. **לך לך... אל הארץ אשר אראך.** פיל פרעגן, פארוואס האט אברהם געבראכט שרה'ן אין סכנה צו געהען קיין מצרים, האט אים דען השי"ת געזאגט ער זאל דארט געהן? דער אמת איז, אז ווען דער אויבערשטער האט געזאגט, „אל הארץ אשר אראך", האט ער געמיינט, אז ער זאל געהען דארט וואו די סיבה וועט זיין. אז אברהם האט געזעהן, אז אין ארץ ישראל איז א הונגער, האטער אנגעזעהן אז דאס איז א סיבה פון השי"ת ניט צו בלייבן אין א"י, און געהען קיין מצרים וואו ס'איס געווען זאטקייט (הרב מברדיטשוב).

יט. לך לך להנאתך ולטובתך (ר"שי).. ס'איז פאראן הנאת הגוף און הנאת הנשמה. ס'קען זיין הנאת הגוף און די נשמה זאל דערפון קיין הנאה ניט האבן, ווייל דאס איז פאר איר ניט קיין טובה. דערפאר איז דער דין אין דער גמרא, אז ווען א קצב האט פארקויפט טריפה פלייש, דארף מען אים ניט באצאלן, דען הגם דער גוף האט הנאה געהאט, די נשמה האט דאך אבער צער דערפון. דאס זאגט רש"י: להנאתך, להנאת הגוף און אויך ולטובתך. ס'וועט אויך זיין א טובה פאר נשמה (ר' העניך מאלכסנדר).

כ. דער לובלינער ז"ל פלעגט זאגן: ווען ער קומט צו דער סדרה „לך לך" ווערט ביי אים א הבדל אזוי ווי צווישן אור לחושך, ווייל דאס אור פון אברהם אבינו הויבט אן פארשיינען די וועלט.

כא. דער אלטער גערער רבי האט געזאגט: אויף שבת פ' „לך לך" קען מען זאגן אזוי ווי השי"ת האט געזאגט אויף אברהם אבינו: עד מתי תתנהג העולם באפלה? תבוא אורה! איעדער וואס בענקט ער זאל ארויס פון חשכות, וועט אויף אים נתגלה ווערן דער אור פון אברהם אבינו. ביי אברהם'ן שטעהט והיה ברכה, ס'האט דאך געדארפט שטעהן ואתה תברך? נאר דער אמת איז: אברהם איז אליין געווען די ברכה. אז מען האט די מדות טובות פון אברהם אבינו: עין טובה, נפש שפלה ורוח נמוכה, געפונט מען די ברכה איבעראל, אין אלעמען.

כב. **וילך אברהם כאשר דבר אליו ד'.** השי"ת האט צוגעזאגט אברהם'ן שכר פאר דעם געהען. ואברכך ואגדלה שמך כו' האט ער דאך געקאנט האבן די מחשבה ביים געהען צוליב דעם שכר. זאגט די תורה כאשר דבר אליו ד'. דבר איז לשון קשה, ער האט גאר ניט געטראכט אויף שכר (דברי אמת).

כג. **ידוע תדע כי גר יהיה זרעך... ואחרי כן יצאו ברכוש גדול.** אלעס וואס ס'איז געשעהן מיט אברהם אבינו, איז געווען, ווי דער רמב"ן זאגט, א פועל דמיון, א רמז אויף די געשעהנישן פון זיינע קינדער. קומט אויס, אז פון דעם וויסן פון זיין פארגאנגענהייט האט ער געקענט וויסן די גאנצע צוקונפט פון זיינע קינדער (פני אריה).

כד. **מטבע של אברהם אבינו, זקן וזקנה מצד זה ובחור ובתולה מצד זה** (מס׳ ב״מ). אלע מענשליכע תאוות ווערן אפגעשוואכט ווען דער מענש ווערט אלט. נאר די תאוה פון געלד עקזיסטירט אין מענשן תמיד, ווי אלט ער זאל ניט זיין. דאס האט אברהם אבינו סימבאליזירט מיט זיין מאנעטע, אז די תאוה פון דער מטבע איז ביי אלט און יונג גלייך (בכורי אביב).

כה. **ויהי ריב בין רועי מקנה אברם ובין רועי מקנה לוט והכנעני והפרזי אז יושב בארץ.** עס איז א געוויסער פאקט: ווען 2 קריגן זיך, פארדינט דער 3־טער. דאס לערנט אונז דער פסוק, אז די קריגערייי צווישן די פאסטוכער פון אברהם און לוט האט גורם געווען, אז דער כנעני ופרזי זאלן קענען זיין רוהיג אויף זייערע פאזיציעס. אויך לערנט דער פסוק אז כנעני ופרזי האבען פארשטאנען אויסנוצן דאס אחדות. דערפאר שטעהט י ו ש ב בארץ לשון יחיד, ווייל זיי האבן זיך פאראייניגט (מלאכת מחשבת).

כו. **אל נא תהי מריבה ביני וביניך... כי אנשים אחים אנחנו.** די פראקטיק לערנט, אז ווען ס׳מאכט זיך א שנאה צווישען אייגענע איז זי שטארקער ווי צווישן פרעמדע. די שנאה ביי קרובים ברענט ווי א פייער אין פארשטארקט זיך פון טאג צו טאג. דערפאר דארפען פריינט זיך סטארען צו פארהיטן יעדן אנהויב פון קריג. דאס האט אברהם אבינו באטאנט כי אנשים אחים אנחנו (שם).

כז. **וספור הכוכבים... כה יהיה זרעך.** די שטערן אין הימל ווייזן זיך אונז אויס זעהר קליין, באמת זיינען זיי גאר גרויס. אזוי איז דא ביי אידן צדיקים, וואס מ׳רעכנט זיי פאר קליין און באמת זיינען זיי גרויס (חתם סופר).

כח. **ומלכי צדק מלך שלם הוציא לחם ויין והוא כהן...** דער חידוש איז דא, ווייל א נעמער איז ניט קיין געבער, און ער, כאטש ער איז געווען א כהן — א נעמער — האט דאך געגעבן...

כט. **אני אל שדי התהלך לפני והיה תמים.** ס׳איז א וואונדער אויף דער מצוה פון מילה. השי״ת האט דאך געקאנט באשאפן דעם מענשן געמל׳עט. דאס מל זיין ווייזט דאך אויס, אז דער מענש איז באשאפן ניט בהשלמה, אין דער מענש דארף די השלמה מאכן? דער אמת איז, אז אזוי איז טאקע מיט דער גאנצער בריאה. השי״ת האט געלאזט פלאץ פאר דעם מענשן, ער זאל מאכן די השלמה און זיין דערמיט א שותף במעשי בראשית. דערפאר שטעהט: אשר ברא א׳ לעשות. לעשות הייסט, אז דער מענש זאל די בריאה מתקן און משלים זיין. דאס מיינט דוד המלך ע״ה: דור לדור ישבח מעשיך. ישבח איז דער טייטש אויסבעסערן און פערפעקציאנירן. דאס לערנט די מצוה פון מילה. דערפאר שטעהט אני א׳ שדי, שאמרתי לעולמי די, זאל ניט באשאפן ווערן פערפעקט, כדי דער מענש זאל זי ערשט משלים זיין און מאכן גאנץ די בריאה און זיך. והיה תמים! (הדרש והעיון).

## וירא

ל. **באלוני ממרא הוא שנתן לו עצה על המילה** (רש"י). ס'איז קשה צו פארשטעהען, ווי איז שייך אז אברהם זאל געוועז פרעגן א עצה, צי ער זאל טוען ווי השי"ת הייסט אים?

דער רבי ר' בונם פון פשיסחא, ז"ל האט דאס ערקלערט אויף 2 אופנים.

א') ס'איז א ספק, צי מ'זאל מאכן די ברכה למול אדער על המילה. א) וועגן דעם האט ער זיך געראטן, און ממרא האט אים גע'עצה'ט צו מאכן א ברכה: על המילה.

ב') ס'איז ידוע, אז די מדה פון זיין באהאלטן איז זעהר גרויס, הצנע לכת עם אלקיך (מיכה). ווייל אז מ'טוט עפענטליך, בפרהסיא, קאן מען קומען צו גיאות. אבער אברהם אבינו, וואס איז געווען דער ערשטער מקבל צו זיין דעם חוק פון השי"ת, האט געדארפט זיך ניט שעמען פאר קיינעם, כדי דערמיט מפרסם צו זיין די אמונה אלהות. דערויף האט אברהם אבינו גענעמען א עצה ביי ממרא, צי ער זאל זיך מל זיין באהאלטן אדער בפרהסיא. האט אים ממרא געראטן צו טוען בפומבי.

לא. **וירא אליו ד' באלוני ממרא**, אברהם האט געטראכט, אז ממרא איז מעהר צדיק פון אים, און די השראת השכינה איז ביי אים. **והוא יושב פתח האהל**. אויף זיך אליין האט ער געדענקט, אז ער האלט נאך גאר ביים אנהויב פון עבודת ד' און האט נאך גאר ניט געטון.

לב. **והוא יושב פתח האהל**. וואס האט אברהם זיך באדארפט מצטער זיין וועגן אורחים. הכנסת אורחים איז דאך ניט אזא מצוה וואס מ'זאל זיין מחויב איר נאכלויפן? דער אמת איז, אברהם האט זיך מצער געווען וואס ער האט ניט וועמען מודיע זיין דאס אלקות. פארוואס זשע האט אים דער אויבערשטער געשיקט מלאכים, זיי ווייסן דאך אליין פון אלקות? דער אויבערשטער האט געשיקט מלאכים, כדי זיי זאלן זעהן אז ס'איז ניט ריכטיג וואס זיי האבן בשעת בריאת האדם מקטרג געווען: מה אנוש כי תזכרנו? זאלן זיי זיך איבערצייגן דורך אברהם'ן אז דער מענש קאן אויף דער וועלט גרייכן א גרעסערע מדריגה פון די מלאכים אין הימל (נפלאות חדשות).

לג. **ותצחק שרה בקרבה**. מ'דארף פארשטעהען ווי קומט עס צו שרה'ן זי זאל לאכן? האט זי דען חלילה ניט געגלויבט?

אין מדרש שטעהט: והוא אחריו — זה ישמעאל. ישמעאל איז דאמאלס געגאנגען פארביי. האט שרה דעריבער מורא געהאט פאר א עין הרע. דערפאר

---

א) ע' הלכות קטנות ח"א סי' מ"ט וח"ב סי' פ"ה. וע"פ השכלה פנימית עליונה מבואר מעלת הברכה בל' על בדרך מצותיך דקס"ח ע"א.

האט זי געלאכט און האט זיך געמאכט ווי זי גלויבט ניט, כדי ישמעאל זאל זיך ניט רעכענען דערמיט, און זאל ניט שאדן מיט זיין עין הרע. דאס מיינט דער מדרש „ותצחק שרה בקרבה — בקרוביה". ד. ה. זי האט געלאכט נאר לפנים צוליב אירע קרובים. ווען השי"ת האט געזאגט. למה זה צחקה שרה? שטעהט „ותאמר שרה לא צחקתי", ד. ה. ס'איז ניט געווען א אמת'דיג לאכן פון ניט גלויבן; ס'איז נאר געווען לפנים, „כי יראה", ווייל זי האט מורא געהאט ס'זאל ניט שאדן דער עין הרע. האט השי"ת געזאגט: לא, כי צחקת. ווייל דאס לאכן לפנים איז אויך געווען א פעהלער. דען אויב דו גלויבסט, אז איך וועל דיר געבען א קינד ביי דער עלטער, דארפסטו אויך גלויבן, אז איך וועל באהיטן פון עין הרע (ישרש יעקב).

לד. **כשראתה שרה שמשה לא יכנס לארץ אמרה גרש את האמה הזאת ואת בנה** (מדרש פליאה). דער ענין, וואס הגר בת פרעה איז מיט געגאנגען מיט אברהם ושרה, איז א רמז לעתיד לבוא, אז מיט די אידן וועלן ארויסגעהן פון מצרים ערב רב, צווישן וועלכע ס'זיינען געווען גדולים און שרים פון מצרים.

דער זהר זאגט: אלעס שלעכט וואס אידן האבן געטון אין מדבר איז געווען פון די ערב רב. זיי האבן גורם געווען צו אלע רעות. „קשים גרים לישראל כספחת". דאס אויפרעגן זיך פון משה'ן ביי די מי מריבה, דורך וועלכן ס'איז נגזר געווארן ער זאל ניט קומען לא"י, איז אויך געקומען פון די ערב רב. דאס מיינט דער מדרש אז ווען שרה האט געזעהן וואו דער ערב רב איז גורם משה זאל ניט קומען לא"י, האט זי געזאגט „גרש את האמה הזאת ואת בנה", ווייל זיי זיינען ניט קיין גוטער סימן לעתיד (ברכת יצחק).

לה. **מצאתי דוד עבדי, היכן מצאתיו בסדום** (מדרש פליאה). דער ישועת יעקב זאגט: פארוואס איז רבי עקיבא ארויסגעקומען פון סיסרא, די בני ברק פון המן, שמואל פון קרח און שמעיה ואבטליון פון נבוזרדן? ווייל אין הקב"ה מקפח שכר כל בריה, און אזוי ווי דורך זיי איז געווען א גרויסע קידוש השם, איז פון זיי ארויסגעקומען קינדער, וואס האבן מקדש געווען שם שמים ברבים. און ווייל פון די אנשי סדום איז אויך געווען א קידוש השם. מ'האט געזעהען גאט'ס כח צו באצאלן, דערפאר איז פון זיי ארויס דוד וואס האט מקדש געווען שם שמים (שם).

לו. **ועתה השב אשת האיש כי נביא הוא.** ס'איז א פליאה וואס איז נויטיג צו באטאנען אז ער איז א נביא? ווען ניט דארף עד זי ניט אומקערן?

דער דין איז: עקרה אין קידושין תופסין בה. שרה איז געווען א עקרה. האט דאך אבימלך געקענט מיינען אז זי איז ניט קיין אשת איש און ער דארף זי ניט אומקערן. דערפאר האט השי"ת געזאגט: כי נביא הוא. ווייל די גמרא זאגט, ווען זיינען קידושין ניט תופס ביי א עקרה, ווען ער ווייסט ניט. אבער אז דער מאן ווייסט, איז זי מקודש. און אז אברהם איז א נביא, האט ער דאך

געוואוסט פריער, האבן די קדושין יא תופס געווען (שני המאורות).

לז. **וילכו יחדו אל באר שבע.** יחדיו הייסט גלייך. הגם ער איז דורכגעגאנגען אזא גרויסן נסיון, איז ער ניט נתפעל געווארן דערפון, און האט זיך געהאלטן גלייך ווי ער האט גאר ניט געטון. וישב אברהם אל נעריו ויקומו וילכו יחדיו. ער האט ניט געהאט קיין התנשאות איבער זיי (רבי שמואל מקאמינקע).

## חיי-שרה

לח. **ויהיו חיי שרה מאה שנה ועשרים שנה ושבע שנים שני חיי שרה.** דאס לעבן אין דעם „עמק הבכא" איז אממערסטן בבחינת „חיים שאינם חיים". די ליידן און די יסורים פון דער וועלט בכלל, ווי אויך די פערזענליכע בפרט, פארביטערן דאס לעבן פין מענשן אזוי, אז מ'קען עס ניט רעכנען. פאר געלעבט. נאר די יארן פון דער יוגנט, איידער דער מענש דערפיהלט דעם טעם פון ליידן, קענען הייסן געלעבט און אנגערופען ווערן יארן. דאס לערנט די תורה אז די הונדערט און 20 יאר פון שרה'ן זיינען גלייך ווי ש נ ה (לשון יחיד), ווייל זי האט אין זיי פיל געליטן. נאר די ערשטע 7 יאר אלס קינד קאנען גערופן ווערן ש נ י ם, ווייל זי האט דאמאלס דורכגעמאכט דעם גליקליכן פעריאד פון דער קינדהייט (מלאכת מחשבת).

לט. **ויבא אברהם לספוד לשרה ולבכותה. מהיכן בא? מהר המוריה בא** (מדרש). דער בעסטער באוויז אויף דעם כאראקטער פון א פרוי און איר נייגונג, איז די ערציהונג וואס זי האט געגעבן איר קינד. „ובן כסיל תוגת אמו", ווייל די שלעכטע אויפפירונג פון דעם קינד שפיגלט אפ דעם איינפלוס פון דער מוטער. אברהם האט געקלאגט אויף שרה'ס גרויסקייט, וועלכע איז בולט אין דעם פאקט פון מסירת נפש פון איר זון בהר המוריה.

מ. **ואברהם זקן בא בימים.** ביים איינפאכן מענש וואס זוכט יעדן טאג אפצופטרן מיט צייטווייליגע פארוויילונגען, לויפט יעדער טאג אוועק „כצל עובר וכענן כלה", דער ג ע ה ו י ב ע נ ע ר מענש אבער, פאראייביגט יעדן טאג דורך גוטע מעשים און איידעלע אויפטוהונגען. ביי אים האט יעדער טאג א קיום, א עקזיסטענץ (זהר).

מא. **וה' ברך את אברהם בכל.** ס'איז פאראן א צדיק, וואס בעט נאר פאר זיך: און ס'איז ווידער פאראן א העכערער סארט צדיק, וואס זיין גאנץ בעטן איז פאר דעם כלל. פון דער דאזיגער מדרגה איז אברהם געווען (הרב מברדיטשוב).

מב. **לא אוכל עד אשר דברתי דברי.** אליעזר האט געדארפט מקדש זיין רבקה'ן אין שליחות פון יצחק'ן. דער דין איז, אז מ'טאר ניט עסן ביז נאך די קידושין. דערפאר האט ער קודם געוואלט ענדיגען די קידושין (הנ"ל).

מג. **ויריץ לבן, למה רץ ועל מה רץ? נתן עיניו בממון** (רש"י). די גמרא זאגט, אז לויפן שוואכט אפ די ראיה פון מענשן. צו וואסזשע איז לבן

געלאפן? ער האט מפקיר געווען זיינע אויגן צוליב געלט! (שני המאורות).

מד. **בזכות שאמרו לרבקה התלכי עם האיש הזה ותאמר אלך, בזכות זה יצאו ישראל ממצרים** (מדרש פליאה). פארוואס האט די פאמיליע געזאגט תשב הנערה אתנו ימים או עשור? זיי האבן געוואלט אין דער צייט באאיינפלוסן רבקה'ן מיט זייערע שלעכטע דעות און פארדארבענע מדות, כדי צו שטערן דעם פלאן פון אברהם'ען אויפצוהויבן דעם עם ישראל מיט געטליכע דעות און ערהאבענע מדות. „לבן בקש לעקור את הכל", דערפאר האט אליעזר געפאדערט דוקא: אל תאחרו אותי, ווייל ער האט פארשטאנען זייער כונה. דעסטגלייכן האט רבקה אויך פארשטאנען אז מ'דארף וואס פריער אנטלויפן און זיך ארויסראטעווען ממקום טומאה למקום קדושה, און זי האט זיך ניט גערעכנט מיט דער שענער אויסשטאטונג, וואס איר פאמיליע וויל איר אין דער צייט פארברייטן. זי האט אלעס מפקיר געווען צוליב קדושה און איידעקלייט פון לעבן. האט איר השי"ת באצאלט מדה כנגד מדה און זיך געאיילט וואס פריער ארויסנעמען די אידן פון מצרים, הגם ס'איז נאך ניט געווען פארפילט די ארבע מאות שנה לויטן ברית בין הבתרים, איידער זיי זאלן נשתקע ווערן אין די חמשים שערי טומאה.(ברכת יצחק).

מה. **ויען לבן ובתואל ויאמרו מד' יצא הדבר. מהיכן יצא? מהר המוריה** (מדרש). די גמרא זאגט: דרכו של איש לחזור אחר אשה. דער מאן געהט זוכן די פרוי, ווייל בעל אבידה מחזיר על אבידתו. ווידער זאגט די גמרא: מצוה בו יותר מבשלוחו. און דא האט גאר יצחק געשיקט א שליח. און די פרוי האט געדארפט געהן צו אים? דער תירוץ איז, ווייל יצחק איז געווען א עולה אויף דעם מזבח פאר השי"ת בהר המוריה. און א קרבן עולה ווערט נפסל ביוצא. ווען ער געהט ארויס מן הקודש. אזוי האט יצחק אויך ניט געטארט ארויסגעהן פון א"י קיין חוץ לארץ (שתי ידות).

מו. **ישמעאל עשה תשובה בחיי אביו שנאמר ויקברו אותו יצחק וישמעאל בניו** (ב"ב טז). דער געפיל פון יראת הכבוד פאר א איידלען מענשן באווייזט, אז דער איז אויך א איידלער מענש, און כאטש ער איז ניט קיין געלערנטער, איז זיין נשמה און זיין אינערליכעס געפיהל איידל. ווייל דער גראבער מענש מיט א גראבן כאראקטער האט א געפיהל נאר פאר גראבע און מגושמדיגע זאכן. דיא קדמונים טייטשען „כור לכסף ומצרף לזהב ואיש לפי מהללו" די לויב און באַהרונג, וואס א מענש לויבט און באעהרט א געוויסע זאך, דאס איז די בעסטע פראבע אויף זיין מהות אין תכונה הנפשית. דעריבער, אז ישמעאל האט געהאט געפיהל צו שטעלן יצחק'ן העכער פון זיך, און אים לאזן ערשטער ביי דער קבורה פון פאטער, איז א באוויז, אז ער האט געטון תשובה און זיך געבעסערט.

## תולדות

מז. **ויעתר יצחק לד׳ לנוכח אשתו.** רבקה האט געבעטן זיא זאל געהאלפן ווערן אין זכות פון יצחק׳ן וואס ער איז א צדיק בן צדיק, דאגעגן יצחק האט געבעטן ער זאל געהאלפן ווערן אין זכות פון רבקה׳ן, ווייל דאס וואס ער איז א צדיק איז קיין רבותא ניט, ער איז דאך דער זון פון אברהם, אבער רבקה איז א בת רשע און דאך סטארעט זי זיך צו זיין ערליך, איז איר זכות גרעסער פון זיינעס. דאס הייסט לנוכח אשתו, דעם געגנטייל פון איר תפלה (ר׳ דוד מאמשענאוו ז״ל).

מח. **ויאהב יצחק את עשו כי ציד בפיו.** א צדיק האט געהאט א זון וואס איז ניט געגאנגען בדרך הישר, און כאטש אזוי פלעג ער אים מחבב זיין מיט אלערליי ליבשאפטן, האט זיך די וועלט זעהר געוואונדערט דערויף. אמאל ביי די תפלות פון ימים נוראים האט מען געהערט ווי ער טענה׳ט זיך אויס פאר דעם הימל: רבש״ע, מיין זון פירט זיך ניט ארענטליך, טראץ דעם האב איך אויף אים רחמנות און זעה, ס׳זאל אים גאר ניט פעהלן, איז דאך אכל שכן אז דו דארפסט רחמנות האבן אויף דיינע קינדער ישראל. וויא אזוי זיי געפונען זיך! דאמאלס האט מען פערשטאנען אז ער האט מקרב געווען דעם פארבלאנדזעטן זון, כדי ער זאל האבן א פתחון פה צו בעטן פאר אידן... אזוי — ויאהב יצחק את עשו כי ציד בפיו, ווייל דורך דעם האט ער א פתחון פה צו בעטן פאר ישראל אפילו ווען זיי זינדיגן (שפת אמת).

דערמיט קאן מען פארשטעהן וואס די גמרא זאגט (שבת פ״ט) אז לעתיד לבא ווען השי״ת זאגט צו די אבות בניך חטאו, איז נאר **יצחק** מלמד זכות און א מליץ יושר פאר זיי (דברי יחזקאל).

מט. **ויעש להם משתה ויאכלו וישתו, וילכו מאתו בשלום.** אלע פאסירונגען פון די אבות זענען א רמז צו דעם וואס עס וועט פארקומען מיט זייערע קינדער אין גלות, דער פאקט, אז אברהם און יצחק האבן געמאכט שלום מיט אבימלך, איז א סימבאל, אז אויך די אומות און מלכים פון שפעטערע צייטן וועלן מאכן שלום מיט ישראל (הרב מברדיטשוב).

נ. **הקול קול יעקב והידים ידי עשו.** רבי שמואל מאהיליווער פלעג זאגען, ווען עשו׳ס ידים צושפילן זיך, דערוועקט זיך יעקב מיט זיין אייגנטליכן קול, ער קערט זיך צוריק צו אידישקייט.

נא. **ויתן לך הא׳ מטל השמים, יתן לך הברכות ויתן לך אלהות** (מדרש). איבריגע הצלחה ווירקט אמאל אויף דעם מענש צו שלעכטס. ער ווערט דורך פול גוטס פארדארבן און באקומט א געמיינעס כאראקטער, ער ווערט דער — וייטערט פון דער גאטהייט און פון אלעס גייסטיגעס. פן תאכל ושבעת ורם לבבך ושכחת את ד׳. פן אשבע וכחשתי ואמרתי מי ד׳. דערפאר האט יצחק געזאגט, השי״ת זאל דיר געבן די ברכות, אבער צוזאמען מיט די ברכות זאל ער דיר אויך

געבן די גאטהייט, דו זאלסט האבן גאט אין הארץ און זאלסט פירן א מאראלנע לעבן (הדרוש והעיון).

נב. **יעבדוך עמים.** ס׳שטעהט (ברכות ל״ב) בזמן שישראל עושין רצונו של מקום מלאכתן נעשית ע״י אחרים. ווייל זיי דארפן זיין אריינטון אינגאנצן אין גייסטיגן לעבן, אום צו זיין „לאור גוים לפקוח עינים עורות״. דאס מיינט דער פסוק, „הקול קול יעקב והידים ידי עשו״, אין דער צייט ווען דאס קול פון יעקב איז מצפצף אין תורה ודעת אלקים בארץ, דאמאלס ארבעטן פאר זיי אויף דעם ערדישן געביט די ידי עשו. דאס הייסט יעבדוך עמים. אבער ווען? וישתחוו לך לאומים, אז דו וועסט שטעהען אויף א הויכער גייסטיגער מדרגה, אז די פעלקער זאלן האבן הכנעה און דרך ארץ פאר דיין גרויסקייט אין גייסט, אין מאראל, ווי ס׳שטעהט, וראו כל עמי הארץ כי שם ד׳ נקרא עליך ויראו ממך!

נג. **ותקח רבקה את בגדי עשו ותלבש את יעקב.** אין אמת, פלעג דער אלטער גערער ז״ל גאזן, האט יעקב זיך ניט גענויטיגט אין די ברכות פון יצחק׳ן, ווייל ער איז אין זיין אייגענעם זכות געווען ראוי צו אלעס גוטס. נאר רבקה האט געזעהן אז ס׳וועט קומען א צייט, ווען די אידן וועלן זיין אין גלות און וועלן זיין מלובש בבגדי עשו, דאמאלס וועלן זיי זיך נויטיגען אין יצחק׳ס ברכה.

נד. אמאל איז געקומען צו אים א איידלער יונגערמאן, וואס האט געעסן קעסט באם שווער און פרעגט א עצה, צי ער זאל מאכן א ביסל מסחר אויך, ס׳זאל זיין טוב תורה עם דרך ארץ.

ענפערט אים דער גערער ז״ל: ס׳שטעהט: ויאהב יצחק את עשו כי ציד בפיו, זאגט רש״י, עשו פלעג אפנארן זיין פאטער מיט שאלות: כיצד מעשרין את התבן ואת המלח? איז דאך קשה, ווען די שאלות זענען אפילו אמת׳ע, וואס פאר א משמעות האט עס אקעגן יעקב׳ס עבודה וואס איז געווען איש תם יושב אהלים? דער תירוץ איז, יצחק האט געמיינט אז יעקב איז א בטלן, ער פארשטעהט ניט אין רמאות, איז קיין חדוש ניט וואס ער זיצט יומם ולילה און איז עוסק בתורה ועבודה, אבער עשו איז א סוחר, יודע ציד, איש שדה, און מיט דעם אלעמען איז ער א מדקדק במצות, דאס איז מעהר חשוב. נאר אז עשו איז געקומען און האט דערצעהלט יצחק׳ן די ערמות וואס יעקב האט באוויזןביים קויפן די בכורה, האט ער געזאגט, אויב יעקב קאן זיין נאך מעהר רמאי פון דיר און חאטש אזוי זיצט ער און לערנט תורה טאג און נאכט, איז ער מעהר חשוב פון דיר און די ברכות קומען אים. גם ברוך יהיה!

נה. **ואברכהו גם ברוך יהיה.** אין דער גמרא (ברכות ל״ד ב׳) שטעהט, ר׳ חנינא בן דוסא האט געזאגט אם שגורה תפלתי בפי, יודע אני שהוא מקובל. דאס האט יצחק געזאגט, פון דעם אופן וויא אזוי די ברכה איז געזאגט געווארן, דער־קען איך אז זי וועט מקוים ווערן, ווייל ס׳איז געווען שגורה בפי (מהר״ש גאנצפריד).

נו. **הנה משמני הארץ יהיה מושבך ומטל השמים מעל.** דער חילוק

צווישן דער דאזיגער ברכה און יעקב׳ס ברכה איז אין דעם, וואס ביי יעקב׳ן שטעהט „ויתן לך האלהים״ די הצלחה פון ישראל קומט פון גאט ב״ה, ער איז דער נותן, וואס גיט זיי די שפע, ניט די נאטור. אבער ביי עשו קומט אלעס פון דער נאטור אליין. און נאך א חילוק איז דא: ביי יעקב איז קודם דער טל השמים, דאס הימלישע און דאס גייסטייגע, דערנאך קומט משמני הארץ, דאס ערדישע און מאטעריעלע גוטס. דאגעגן ביי עשו איז דאס ערשטע און דאס וויכטיגסטע משמני הארץ, דאס מאטעריעלען גשמיות. דאס רוחניות איז ביי אים נאר א טפל. דאס מיינט דער תרגום יונתן ווען ער זאגט, ונטר עשו בלביה על סדר ברכתא (אפיקי יהודא).

נז. **משמני הארץ יהיה מושבך, זו איטליא של יון** (רש״י). רש״ין איז קשה. ער האט דאך שוין אלעס געגעבן יעקב׳ן, ויתן לך הא׳ ומשמני הארץ? דעריבער ערקלערט רש״י זו איטליא של יון, דען ס׳שטעהט אין מס׳ שבת: בשעה שנשא שלמה את בת פרעה ירדגבריאל ונעץ קנה בים ועלה בה שרטון, ועליו נבנה כרך רומי וזו איטליא של יון. איז דאך איטליא של יון דאמאלס בשעת ער האט געבענשט יעקב׳ן ניט געווען קיין לאנד, איז עס ניט אין כלל פון דער ברכה וואס ער האט פארשפראכן יעקב׳ן (הרבי ר׳ העשיל).

## ויצא

נח. **ויפגע במקום. יעקב תיקן תפלת ערבית.** יעקב האט מתקן געווען די תפלה, אז מ׳זאל געהאלפן ווערן פון חשכות, פון פינסטערניש. „זרח בחושך אור לישרים״ (הרי״מ מגור).

נט. **והנה סלם מוצב ארצה וראשו מגיע השמימה.** אלעס אויף דער וועלט איז ווי א לייטער, אלעס קאן נוצן צו עבודת השי״ת. דורך יעדער זאך קאן דער מענש מיט פארשטאנד זיך דערהויבן צום הימלישן לעבן. מ׳דארף נאר פאר־שטעהען און זיך סטארען יעדע זאך אין יעדע געשעהניש ריכטיג אויסצונוצן, ווי־סענדיג, אז מ׳קאן דורך דעם אויפשטייגן אדער חלילה נידערן „והנה מלאכי אלהים עולים ויורדים בו״.

ס. **ויקץ יעקב משנתו ויאמר אכן יש ד׳ במקום הזה.** די גמרא זאגט: השכים ונפל פסוק לתוך פיו הרי זה נבואה קטנה, דען ווען דער מענש שטעהט אויף פון שלאף, זיינען די געדאנקען ריין, קען ער אמאל משיג זיין גאר הויך. אז יעקב האט זיך אויפגעכאפט פון שלאף, איז אים געקומען אין געדאנק „אכן יש ד׳ במקום הזה״, האט ער פארשטאנען, אז דאס היילינקייט פון ארט האט געהאלפן, ער זאל זיין ביי היילינע געטליכע מחשבות.

סא. ר׳ מאיר׳ל מפרעמישלאן ז״ל האט באמערקט, אז דא שטעהט ויקץ ויאמר, אין פ׳ מקץ שטעהט ויקץ פרעה ויישן ויחלום שנית, ווייל דער צדיק, אז ער כאפט זיך נאר אויף, שטעהט ער שוין אויף מיט זריזות און התלהבות, עוסק

זיין בתורה ועבודה, דאגעגן דער פראסטער מענש קערט זיך איס אויף דער 2־טער זייט און שלאפט ווייטער.

סב. **והיה זרעך כעפר הארץ.** דער ראזדלער ז״ל פלעגט זאגן: ונפשי כ ע פ ר לכל תהיה, די טבע פון עפר איז, אז מ׳פארזייט א ביסל און זי גיט ארויס כפל כפלים. אזוי רבש״ע, אז א איד וועט מיר גיבן א רו״כ, זאל ער געבענטש ווערן מיט כפל כפלים. דאס איז אויך, לויט מיר זעהען, א אייגנשאפט פון אידישן פאלק. אין אלע לענדער וואו אידן געפונען אביסל שוץ, ברענגען זיי דעם לאנד שפע און ברכה בכפל כפלים, דאס לאנד ווערט דערהויבן און איר ווירטשאפט וואקסט און בליהט.

סג. **כי לא אעזבך עד אשר אם עשיתי את אשר דברתי לך.** אמאל איז געקומען א שליח פון ירושלים און האט דערצעהלט דעם חתם סופר ז״ל דאס שרעקליכע דחקות און ארימקייט, וואס מ׳לײדט דארט. האט דער חתם סופר געזאגט, מ׳דארף האבן בטחון אז דער אויבערשטער וועט העלפן. זאגט אים דער שליח: מיר האבן אודאי בטחון אז השי״ת וועט העלפן, אבער וואס טוט מען ביז ער וועט העלפן? ענפערט אים דער חתם סופר, דעריבער שטעהט דאך, „בטחו בה׳ עדי עד״! מ׳מוז האבן בטחון, ביז די ישועה וועט קומען, השי״ת האט מבטיח געווען כי לא אעזבך ע ד אשר אם עשיתי את אשר דברתי לך.

סד. **אכן יש ד׳ במקום הזה ואנכי לא ידעתי.** יעקב איז באזעסן די אמונה אין מציאות ד׳ דורך דעס ,וואס ער האט אזוי געהאט בקבלה פון זיינע עלטערן. איצט האט ער משיג געווען די געטליכקייט במראה הנבואה, די שכינה האט זיך אים דא ענטדעקט, דאס האט ער געזאגט, אכן יש ד׳ במקום הזה.

עס איז אבער באוואוסט, אז דאס אלקות איז אונבאגרייפבאר, לית מחשבה תפיסא ביה כלל, און די אלטע פילאסאפיע לערנט בנוגע דער הכרה אלהות: תכלית הידיעה שלא נדע, דעריבער האט יעקב אויסגערופן שוין נאך דעם, וואס ער האט זוכה געווען צו א געוויסער השגה: ואנכי **לא ידעתי**, נאך איצטער האלט איך אויך ביים ניט וויסן, און איך פיהל, אז כ׳האב דיא אלקות נאך אלץ ניט ערקענט (הכתב והקבלה).

סה. **ויירא ויאמר מה נורא המקום הזה.** ויירא, ס׳איז אויף אים איגס טינקטיוו, פון זיך אליין געפאלן א גרויסער יראת הרוממות, א עהרנפורכט. האט ער געזאגט, מה נורא המקום הזה, וואס איז שייך דאס ארט פון זיך אליין זאל האבן אזא איינפלוס? עס מוס זיין, אז דא איז דאס ארט פון בית ה׳ וזה שער השמים, ווי די גמרא זאגט: לא מן המקדש אתה מתיירא אלא ממי שצוה על המקדש.

סו. **וכל אשר תתן עשר אעשרנו לך.** ביי מעשר געבן קאן זיין די כונה צו טון די מצוה פון השי״ת לשם שמים, און ס׳קאן זיין די כונה וועגן אייגענעם נוצן, לויט די גמרא זאגט עשר תעשר, עשר בשביל שתתעשר. דערפאר האט יעקב באטאנט עשר אעשרנו לך, צו טון דיין רצון ניט וועגן מיין נוץ (תפארת יונתן).

סז. **ועתה הלך הלכת כי נכסף נכספת לבית אביך, למה גנבת את אלקי?** די גמרא זאגט: פון וואנעט ווייסט מען אז אזלינן בתר רובא? ווייל ס'שטעהט מכה אביו ואמו מות יומת. ודילמא לאו אביו הוא? אלא דאזלינן בתר רובא. ווידער ווערט געבראכט, אז א מין האט געפרעגט רבן גמליאל, ס'שטעהט אחרי רבים להטות פאר וואס געהט איר ניט נאך אונז, מיר זיינען דאך דער רוב? האט ער געענפערט, לעתיד לבא וועלן אויפשטעהען תחיית המתים נאר דיע וואס האבן געהאט אמונה, אלזא וועלן מיר זיין דער רוב. דאס האט לבן געטענה'ט: ועתה הלך הלכת כי נכסף נכספת לבית אביך, איז קשה ודילמא לאו אביך הוא? מוז מען דאך זאגן אז אזלינן בתר רובא. איז ווידער א קשיא למה גנבת את אלקי, מיר זיינען דאך דער רוב? דארויף האט אים יעקב געענפערט את אשר תמצא את אלהיך לא יחיה, דאס הייסט די וואס גלויבן אין עבודה זרה וועלן ניט זיין ביי תחיית המתים, זיינען זיי שוין גערעכנט פאר טויט, און די גלויביגע זיינען דער רוב (שני המאורות).

סח. **ויקח יעקב אבן וירימה מצבה, ויאמר לאחיו לקטו אבנים.** דער מושל דארף צו ערשט אליין טון, וואס ער וויל אז אנדערע זאלן טון. זיין ביישפיל העלפט, אז מע זאל אים נאכטון (מלאכת מחשבת).

## וישלח

סט. **וישלח יעקב מלאכים — מלאכים ממש** (רש"י). רבי מאיר'ל פרעמישלאניר ז"ל האט געזאגט, יעקב האט געשיקט די מלאכים וואס זיינען באשאפן געווארן פון די מצות און מעשים טובים וואס ער האט געטון, ממ"ש איז ראשי תיבות: מ'ן מ'צות ש'עשה.

ע. **ויצר לו. שמא יהרוג הוא את אחרים** (רש"י). ס'איז ידוע, אז פון עשו'ן איז ארויסגעקומען רבי מאיר, דער גרויסער תנא וואס איז געווען דער רבי פין רבינו הקדוש אין איז געווען מאיר עיני חכמים בהלכה (ערובין י"ג). רבי מאיר'ן האט מען גערופן **אחרים** (הוריות י"ג). דאס איז רש"י מרמז: ס'האט אים באנק געטון, אפשר דורך דעם וועט פארלוירן געהן אזא תנא (תורת יחיאל).

עא. **וישב ביום ההוא עשו לדרכו.** די תורה ווייזט דערמיט, אז אפילו נאכדעם וואס ער העט געזעהן די נסים וואס השי"ת האט געטון יעקב'ן און אים גערעטעט. מיט דעם אלעמען האט ער זיך ניט אפגעלאזט פון זיין שלעכטן וועג, פיינט געהאט און דערקוטשעט יעקב'ן. אם תכתוש את האויל במכתשת לא תסור אולתו ממנו (ברכת יצחק).

עב. **ויאמר שלחני כי עלה השחר. מיום שנבראתי לא הגיע זמני לומר שירה עד עכשיו.** אלע שרים פון ד' אומות העולם זאגן שירה, ווען זאגן זיי שירה? ווען זייער אומה טוט חסד און פירט זיך גוט מיט ישראל, דער מלאך איז געווען דער שר פון עשו, און ער האט איצט געטון חסד מיט יעקב'ן דורך דעם

איז איצט געקומען די צייט ער זאל זאגן שירה (הרב מברדיטשוב).

עג. **ויבא יעקב שלם, שלם בממונו.** כאטש ער האט געמוזט שיקן עשו'ן אומזיסט א גרויסע מתנה, האט אים דאס ניט געערגערט און ס'איז ביי אים גלייך ווי זיין פארמעגן אין גאנץ אין נאר ניט געמינערט געווארן (הגאון רש"מ מברעזאן).

עד. **ויחן את פני העיר ויקן את חלקת השדה.** די תורה באטאנט, אז יעקב האט זאפארט געקויפט א שטיק פעלד, ער זאל האבן א אייגנטום אין ארץ ישראל, ווייל דאס איז א גרויסע מעלה. ווער ס'האט א חלק אין א"י איז חשוב ווי א חלק לעולם הבא (ראב"ע ורמב"ן).

עה. **והיה המחנה הנשאר לפליטה — על כרחו לפליטה** (רש"י). ווי אזוי איז ער געווען זיכער דערמיט? ס'שטעהט אין מדרש, אז איין מחנה איז געווען ווייט פו דער 2־טער א מהלך יום. דאס איז ידוע, אז יעקב איז געגנגען מיט דער ערשטער מחנה, און רבקה האט געזאגט, למה אשכל גם שניכם ביום אחד, דאס הייסט, אז יעקב מיט עשו'ן וועלן שטארבן אין איין טאג, היינט אז עשו וועט הרג'ענען די ערשטע מחנה מיט יעקב'ן וועט דאך עשו אליין אויך שטארבן אין דעם טאג נאך איידער ער וועט קאנען קומען צו דער 2־טער מחנה, וועט די 2־טע מחנה געוויס זיין געראטעט (רבי ר' העשיל).

עו. **וגם הולך לקראתך וארבע מאות איש עמו.** דאס איז געווען א ערמה פון עשו'ן, ווייל אויב ער וועט געהן אליין און הרגענען יעקב'ן וואס וועט ער זיך פארענפערן פאר יצחק'ן? דעריבער האט ער מיטגענומען א באנדע רוצחים, כדי, אז וואס ס'וועט געשעהן זאל ער קאנען ארויפלעגן אויף זיי און זאגן, אז ער איז גאר ניט שולדיג (רבי יונתן אייבשיטץ).

עז. **ושמתי את זרעך כחול הים.** די זאמד פון ים קאן מען ניט רעכנען יעדעס באזונדער, אזוי משפט השי"ת די אידן צוזאמען, אויב ס'איז דא זינדיגע קוקט ער ניט אויף זיי באזונדער, נור ער איז מצרף די מעלות און דאס גוטע וואס איז דא בא זיי אלע אינאיינעם (פני אריה).

עח. **ויהי ביום השלישי ויהרגו כל זכר.** פארוואס האבן זיי געהרגעט די בני שכם נאך דעם, וואס זיי האבן זיך מל געווען? די גמרא זאגט: נכרי ששבת חייב מיתה' ווייל שבת איז א אות, א צייכן צווישן גאט און אידען. ביי מילה שטעהט אויך, והיה **לאות** ברית ביני וביניכם. ווען זיי זאלן זיך געווען מל זיי מיט א ריינער כונה, ווייל זיי ווילן זיך מתיהד זיין, וואלט געווען גוט. דארויף האבען די בני יעקב געזאגט: אם תהיו כמנו להמול לכם כל זכר, אייער מיינונג זאל זיין צו ווערן גאטס פאלק גלייך מיט אונז. אבער זיי האבן זיך באמת מל געווען נאר וועגן זיך קענען מתחתן זיין מיט די בני יעקב, און ווייטער בלייבן ביי זייער גויאישקייט. דעריבער זיינען זיי געווען חייב מיתה וואס האבן זיך משתמש געווען **באות** (הרי"מ מגור).

עט. **בהיותם כאבים.** איז טייטש ווען ס'האט זיי באנק געטון און זיי האבן

חרטה געהאט פארוואס זיי האבן זיך מל געווען. אין ספר הישר ווערט דערצעהלט אז זיי האבן זיך באדענקט און האבן אפגעשמועסט צווישען זיך: ווי באלד זיי וועלן געזונט ווערן וועלן זיי אויסהרגענען די בני יעקב, דעריבער האבן זיך די שבטים געמוזט באשיצן, „הבא להרגך השכם להרגו" (הכתב והקבלה).

פ. **ויצב יעקב מצבה על קבורתה הוא מצבת קבורת רחל.** פארוואס שטעהט הוא לשון זכר? דער בעסטער און שענסטער מאנומענט פאר דער פרוי איז דער מאן אליין, וואס האט זיך געקאנט אונטער איר איינפלוס און א דאנק איר מיטהילף, אויסבילדן און אויסאיידלען ביז דער העכסטער שלמות.

## וישב

פא. **וישב יעקב, כתיב בזעקך יצילוך קיבוציך, כינוסו וכינוס בניו הצילו מיד עשו** (מדרש). אלע מפרשים באמערקן, אז די כונה פון מדרש איז צו ווייזן די וויכטיגקייט פון כינוס אין אחדות ביי יעקב'ן מיט זיינע קינדער. א פאלק, וואס האט תמיד צו קעמפען מיט אלערליי שונאים, וועלכע ריגגלען אים ארום פון אלע זייטן, קאן זיין רעטונג געפונען נאר אין אחדות אין צוזאמענגעבונדקייט, פירוד און מחלוקת זיינען גורם זיין חורבן און רואינירונג.

פב. אין בית יוסף ווערט ערקלערט פארוואס מיר זאגן אלע טאג אין תפלה דעם פרק „איזהו מקומן", ווייל דאס איז דער איינציגער פרק פון משניות, וועלכער ס'ווערט אין אים ניט דערמאנט קיין מחלוקת, און מיר יעצט נויטיגן זיך אין שלום, ניט אין מחלוקת.

פג. **את בני בלהה, כלומר ורגיל אצל בני בלהה** (רש"י). ס'איז קשה פארוואס שטעהט ורגיל? עס דארף זיין רגיל? דער תירוץ איז, ווייל ס'איז פארבונדן מיטן פריהערדיגן, יוסף האט זיך געפוצט און שען געפירט, איז א פלא, ווי קומט עס צו יוסף הצדיק? דער מדרש זאגט דאך, ווען דער מענש פוצט זיך צו פיל, זאגט דער יצה"ר, דער איז מיינער! נאר אמת האט יוסף דאס אלעס געטון לכבוד דעם בורא ית', ווי ס'שטעהט (שבת קי"ד) אז ריינגליכקייט און שענקייט איז א כבוד פארן באשעפער, ס'קאן אבער זיין, אז מ'זאל זיך אזוי פירן נאר דורך גאוה, דערפאר ווערט באטאנט, אז ער איז געווען רגיל מיט די בני בלהה, ווייל ער האט זיך אויסגעצייכנט מיט דער מדה פון עניוות און איז געווען ווייט פון פוסטער גדלות (אפריון).

פד. ווי קומט עס, אז יוסף האט געוואלט זיינע חלומות וועגן ממשלה זאלן מקוים ווערן, דער דרך פון צדיקים איז דאך צו אנטלויפן פון ממשלה? דער תירוץ איז, יוסף האט גערעכנט, די ברידער פירן זיך ניט ווי געהעריג, האט ער געוואלט זיין דער מנהיג כדי זיי צו קענען פירן כשורה (נפלאות חדשות).

פה. **נלכה דתינה, שהלכו לבקש לך נכלי דתות שימיתוך בהם** (מדרש). אין יעדן מענשן געפונט זיך א אינערליכער באוואוסט־זיין, א מוסר כליות.

וועלכער קאן קיין אייגענע עולות ניטליידן, און שטראפט און מוטשעט תמיד דעם מענש אויף זיינע שלעכטע מעשים. דערפאר ווען א מענש וויל אמאל טון שלעכטס, זוכט ער זיך אויס תירוצים, גערעכט צו מאכן זיין טאט און אים איינוויקלען אין א ניידן מענטעלע. דערויף שטעהט, לא תעשו עול משפט, איר זאל ניט קיין עולה טון אונטער דעם מאנטל פון משפט. אויך די אחי יוסף, אז זיי האבן געוואלט אומברענגען יוסף'ן האבען זיי געזוכט דאס צו בארעכטיגן מיט מאטיוון פון געזעצליכקייט (הדרש והעיון).

פו. ויראו אותו מרחוק. זיי האבן איינגעזעהן אין אים פאררעכנט אלס א רחוק, א פרעמדן, גלייך ווי ער איז גאר ווייט פון זיי, ווייל זיי זיינען ארנטליך און ער ניט, ובטרם יקרב אליהם ויתנכלו אותו להמיתו, זיי האבן געוואוסט, אז ער וועט בעטן רחמנות, האבן זיי דעם משפט אפגעענדיגט נאך איידער ער קומט צו, ס'זאל קיין צייט ניט זיין מעהר צו בעטן (חתם סופר).

פז. הילד איננו ואני אנה אני בא. די יוגנט איז שוין פארשוואונדן, זי איז מעהר ניט דא, ויאזוי וועל איך נאך קאנען קומען צו הויכע מדרגות?

(רבי מרדכי מנדבורנא).

פח. ויהי ד' את יוסף ויהי איש מצליח. גבר קפיז כמה דתימא (ש"ב י"ט) וצלחו את הירדן (ב"ר ט"ו). גאט איז געווען מיט יוסף'ן, ער איז תמיד געווען פאר זיינע אויגן, אין זיין זינבען און אין זיינע געדאנקען. זיינע מחשבות זיינען תמיד געווען מקושר אין דער גאטהייט. א דאנק דעם האט ער געקאנט זיין ביי דעם נסיון פון פוטיפרע. צוליב דעם זכות איז דער ים פאר אים געשפאלטן געווארן, ווען ער האט געזעהן זיין ארון. דאס איז די טייטש פון איש מצליח פון שורש וצלחו את הירדן (מהר"י עדילס).

פט. כי אם זכרתני אתך כאשר ייטב לך והזכרתני אל פרעה. ווען דער מענש וויל ער זאל א געוויסע זאך נעדענקען, מאכט ער זיך א סימן וואס זאל אים מאכן דערמאנען און דער זאך, און זאל זי ניט פארגעסן. דאס איז אויך דער טעם פון מצות ציצית, לויט רש"י פ' שלח. אזוי האט יוסף געזאגט, כי אם זכרתני אתך, זאלסט ביי דיר מאכן א סימן וואס זאל דיך מאכן דערמאנען אין מיר. כאשר ייטב לך, דעם סימן וועסטו מאכן לויט דיר געפעלט. והזכרתני אל פרעה, דורך דעם וועסטו מיך קאנען דערמאנען פאר פרעה. ולא זכר שר המשקים את יוסף, ער האט אבער זיך ניט געמאכט קיין סימן צו דערמאנען אין אים, וישכחהו, ער האט אים טאקע פארגעסן (ראשונים).

## ויגש

צ. כי כמוך כפרעה. ווען איינער איז פוגע בכבוד פון א איינפאכן מענש, קען דער לעצטער תיכף ווערן און כעס און אים באשטראפן. אבער אז מען איז פוגע בכבוד פון א מלך, פאסט ניט ער זאל זיך אנצינדן אין כעס און זיך תיכף

נוקם זיין, נאר עד דארף די זאך איבערגעבן צו שופטים. אזוי האט יוסף געזאגט „ואל יחר אפך בעבדך", זאלסט ניט גיך ווערן אין כעס. ווייל כי כמוך כפרעה, דו ביזט ווי א מלך, און א מלך דארף זיין א מתון בדין (ר"ש גנצפריד).

צא. אני יוסף אחיכם אשר מכרתם אותי מצרימה. ס'איז א פליאה. צו וואס האט ער דאס איצט געדארפט דערמאנען? ווען 2 שונאים בעטן זיך איבער, איז דאך דער דרך ניט צו דערמאנען די פארגאנגענהייט, כדי ניט אויפוועקען די שנאה? מ'קאן ערקלערן לויט אונזערע חכמים ז"ל זאגין אויף אשר שברת, יישר החך ששברת. אזוי האט ער זיי געזאגט א יישר כח אויף דעם וואס זיי האבען אים פערקויפט קיין מצרים, ווייל דורך דעם איז ער עולה לגדולה געווארין.

צב. אל תרגזו בדרך אל תפסיעו פסיעה גסה (רש"י). יוסף האט געזעהן אז יעקב דארף ליידען דעם עונש ווייל ער האט ניט מקיים געווען 22 יאהר כבוד אב, די צייט ווערט געענדיגט ערשט ווען די שבטים וועלען קומען צו אים געהענדיג לויט געוועגליך. דערפאר האט ער זיי געזאגט: אל תפסיעו פסיעה גסה, כדי זיי זאלען ניט אנקומען פאר דער צייט, וועט ער נאך א צווייט מאל דארפען ליידען דורכדעם (ר"א מטשעכנאווי).

צג. יוסף האט געזעהן אז זיי איילען זיך מודיע זיין די בשורה, האט ער זיי געלערנט ניט צו איילען, ניט זיין קיין דוחק את השעה, ווייל ס'איז בעשטימט די צייט בהשגחה פרטית ווען יעקב זאל פערנומען די גוטע בשורה. אויב זיי וועלען צו איילען כדי מודיע זיין פאר דער צייט. וועלען זיך מוזען מאכען מניעות און רוגזות אויף דעם וועג, כדי זיי אויפהאלטען ביז צו דער בעשטימטער רגע. (ר"מ מקאצק).

צד. וירא אליו ויפול על צואריו, ויבך על צואריו עוד. הרבה בבכי יותר מראי (רש"י). דער ענין איז, יוסף איז אקעגען נעפארין זיין פאטער אנגעטון מלבושי מלכות, און אללע שרים זענען מיט געפארין מיט אים, האט זיך יעקב שטארק געפרייט זעהענדיג זיין הייסגעליעבטען יוסף און אזא גדולה, דאמאלס האט זיך יוסף דערמאנט אין זיין מוטער און האט זיך שטארק צו וויינט וואס זי האט ניט געהאט די זכיה אום צו זעהן בגדולתו (רי"צ שווייגער).

צה. ויעקב מה עשה קרא ק"ש. ביז יעצט האט יעקב זעהר געליטען, ער האט ניט פארשטאנין די דרכי ההשגחה עליונה, ער האט טאקי געגלויבט אז דער אויבערשטער פיהרט די וועלט נור מיט חסד ורחמים און אפילו דער דין איז אויך רחמים, אבער דאס איז געווען ביז יעצט נור אמונה פשוטה, מיטן שכל האט ער עס ניט בעגריפט, יעצט איז שוין פאר אים אללעס אויפגעדעקט, ער פערשטעהט שוין אללעס. ער זעהט שוין בעשיינפערליך אז דער דין איז אויך נאר בלוז רחמים, האט ער מיט התלהבות אויסגערופען: ד' אליהנו ד' אחד. דער מדת הדין און רחמים זענען איינס (הנ"ל).

## ויחי

צו. **ויחי יעקב בארץ מצרים שבע עשרה שנה.** יעקב האט געלעבט אין גרויס צער, אבער ער האט אלעס מקבל געווען באהבה, שבע עשרה איז בגימטריא טוב. (רבי בונם מפשיסחא).

צז. **ונשאתני ממצרים וקברתני בקבורתם.** א איד איז געקומען צו רבי מענדל מקאצק און אים דערצעהלט, אז ער פארט קיין ארץ־ישראל. פרעגט אים ר׳ מענדל, פארוואס פארסטו קיין א״י? ענטפערט דער איד, רש״י זאגט יעקב האט ניט געוואלט ליגן אין חוץ לארץ, עד זאל ניט ליידן קיין צער גלגול מחילות! האט ר׳ מענדל אויסגערופן, אזוי שטארק האסטו ליב דיין גוף, אז דיך הארט אפילו זיין צער נאכן שטארבן?! אלעס דארף מען טוען לשם שמים, וועגן דער שלימות פון דער נשמה, ניט וועגן דער הנאה פון גוף.

צח. **וישם את אפרים לפני מנשה.** ס׳שטעהט (מגילה) : דער אויבערשטער שלאגט ניט די אידן ביז ער גרייט ניט אן די רפואה קודם. דער נאמען מנשה סימבאליזירט דאס ליידן „כי נשני א׳ את כל עמלי״. אפרים סימבאליזרט די ישועה „כי הפרני אלקים״. דעריבער האט ער געשטעלט אפרים פאר מנשה, ווייל בא אידן איז די ישועה פארבערייטעט צוערשט (הרב מברדיטשוב).

צט. **ברכת שמים מעל וברכת תהום רובצת תחת ברכת שדים ורחם.** דער אלשיך טייטשט, וישגב אביון מעוני, דאס ערשטע דארף השי״ת געבן דעם מענשען הרחבה און עשירות, דערנאך וישם כצאן משפחות, אים געבן א סך קינדער, ווייל אז מ׳קאן ניט אויסהאלטן די קינדער און זיי ערציהען געהעריג, איז דאס ניט פאררעכנט ווי א ברכה, דען זיי זיינען גורם די עלטערן דאגות און יסורים, דערפאר האט יעקב געבענשט יוסף׳ן צוערשט מיט אללע ברכות פון הימל און ערד, דערנאך קינדער (ברכת יצחק).

ק. **איש אשר כברכתו ברך אותם.** ער האט יעדן צוגעפאסט א ברכה וואס איז געאייגענט צו זיין נאטור, צו זיין כאראקטער און צו זיינע לעבענס באדינגונגען.

## שמות

קא. דער גורער רבי, הרי״מ האט געזאגט, פוגם גלות איז נתהוה נאר א פרשה און פון דער גאולה פיל תורה. ובאמת איז אין גלות נשרש די גאולה, דער גלות איז ווי א זריעה צו דער גאולה, נאר ס׳איז מכוסה, פארדעקט. ווען ס׳קומט די גאולה, ווערט אלעס נתגלה.

קב. **ותרא אותו כי טוב הוא, מלמד שנולד מהול.** א יודע ספר איז אמאל אריינגעקומען טרינקען א גלעזל וויין ביי א שענקער, וועלכער האט אויך געקענט אין די דריוונע אותיות, דער וויין איז געווען אשוואכער. האט דער

קונה געמיינט אז ער איז געפעלשט, זאגט ער צום שענקער, סבאך מהול במים: ענפערט אים דער לעצטער, ניין, דער ווייַן איז נולד מהול.

קג. **ויגדל משה ויצא אל אחיו** גרויס איז ניט דער, וואס פארשליסט זיך אין זיין התבודדות שטוב; ניט דער וואס איז זיך מצמצם אין די ד׳ אמות של הלכה, און ניט דער וואס איז זיך משתדל נאר אין זיין אייגענער שלימות, סיי אין רוחנית סיי אין גשמיות. גרויס איז דער וואס געהט ארויס פון זיין תחום, פון זיין ענגען קרייז צו זיינע ברידער, דער וואס דער גורל פון זיינע ברידער פארשאפט אים קומער און זארג מעהר פון זיין אייגענעם גורל, אט דער איז א גדול.

קד. **ויצא אל אחיו וירא בסבלותם.** ס׳זיינען פאראן אזעלכע, וואס ווען זיי קומען צו זייערע ברידער, צו דער מחנה ישראל. און באטראכטן זייער ארט לעבן, זעהען זיי נאר פעהלער, נאר חטאים און עונות. דער בעש״ט זאגט זעהר קלוג דער מענש איז ווי א שפיגעל, וויא אזוי ער איז, אזוי זעהט ער אין יענעם. כל הפוסל במומו פוסל! משה האט ניט געזעהן אין אידן שלעכטס, נאר גוטס. ער האט ניט געזעהען חטאות, נאר תלאות. ליידן און פיין. זיין נשמה האט געבלוטיגט אויף זייערע ליידן.

קה. **ויאמר אנכי א׳ אביך, הה״ד פתי יאמין לכל דבר׳ מהו פתי? נער. שכן בערביא קורין לנער פתיא** (מדרש). דעם מדרש איז קשה, פאר־וואס שטעהט ניט אנכי ד׳ אלקיך ואלקי אביך, דארויף ערקלערט ער, אז באם אנהויב איז משה נאך ניט געוועזן פעהיג צו אייגענער השגה, ער איז נאך געוועזן אליין צו יונג פאר אייגענער הכרה אלקית, האט ער זיך געמוזט סומך זיין אויף דער אמונה, צו גלויבן אין דעם וואס זיינע עלטערן האבן אים געלערנט

(הרב רי״צ פייגענבוים).

קו **ועתה לכה ואשלחך אל פרעה, ויאמר שלח נא ביד תשלח. א״ל משה להקב״ה, רבש״ע! שלח נא ביד האיש שאתה עתיד לשלוח לעת״ל. א״ל: לא אמרתי לך לכה ואשלחך אל ישראל אלא אל פרעה. ולהאיש שאתה אומר, אני עתיד לשלוח אל ישראל שנאמר הנה אנכי שולח לכם את אליהו הנביא** (מדרש). משה רבינו האט געזעהען, אז השי״ת שיקט אים צו פרעה ווענן דער גאולה אהן ער זאל קודם מחזיר למוטב זיין די אידן, דעריבער האט ער פערלאנגט ס׳זאל געשיקט ווערן בעסער צו די אידן זיי מעורר זיין לתשובה, האט אים השי״ת געענפערט דאס וועט זיין לעתיד, איצט מוז מען אויסלייזן אזוי ווי זיי זיינען, פאר דער צייט פון גזירת ברית בין הבתרים, ווייל אויב מ׳וועט זיי נאך לאזן אין גלות, וועלן זיי שוין זיין פארלוירען אינגאנצן, דעריבער לכה ואשלחך אל פרעה, ניט צו אידן.

(הרב יוסף מאיר יעקבסאן).

קז. **נלכה נא דרך שלשת ימים במדבר.** די גמרא זאגט, בריך רחמנא

דיהיב אוריין תליתאי ביום תליתאי, די תורה איז געגבען געווארן דעם דריטן טאג פון זייער פרישה און פארברייטונג צו איר, דאס האבן זיי געזאגט, מיר דארפן צוקומען צו דעם ציל. צוליב וועלכן מיר נויטיגן זיך אין פארברייטונג פון שלשת ימים (רבי אברהם עניטגער).

## וארא

קט. **וארא אל אברהם אל יצחק ואל יעקב אל האבות** (רש"י). יעדער מענש דארף אליין קלערן לויט זיין כח און פארשטאנד אין אמונה אלקות, דער ויאס פארלאזט זיך נאר אויף דעם, וואס ער האט בקבלה פון די עלטערן, ווערט גערופן „בן" ווער עס באקלערט און פארשטעהט אליין די אמונה, הייסט „אב". אברהם יצחק און יעקב האבן יעדער באזונדער מיט אייגענעם שכל משיג געווען די הכרה אלקות. איינער האט זיך ניט סומך געווען אויף דעם אונדערן, דאס באטאנט רש"י, אז אללע זענען גערופן אבות, ווייל יעדער האט מיט זיין שכל בעגרייפט די אמונה אלקות (רבי מאיר מפרעמישלאן).

קי. **הן בני ישראל לא שמעו אלי ואיך ישמעני פרעה**. אז איינער וויל געבן דעם אנדרען א מתנה, איז ניט נויטיג, אז ער זאל שען רעדן, דען אפילו ווען ער איז א כבד פה וועט אים יענער פארשטעהן. אבער ווען איינער וויל עפעס פערלאנגען ביים צווייטן, איבערהויפט אז דער פארלאנג איז פון גרויסער באדייטונג, דאמאלס איז שוין ויכטיג, אז ער זאל האבן א שנענע אויס־שפראכע און א גיטן סטיל ביים רעדן.

קיא. דאס האט משה געטענה'ט, די אידן וואס איך קום זיי געבן די מתנה פון פרייהייט האבן מיך ניט געהערט, ווי אזוי איז מעגליך אז ס'זאל מיך הערן פרעה, וואס איך וויל פון אים אזא גרויסן פארלאנג, ווי די באפרייאונג פון אידן, איך בין דאך א ערל שפתים? (דברי שאול).

קיב. **ה' הצדיק ואני ועמי הרשעים**. ס'איז א חידוש, נאכדעם וואס ער האט אזא ודוי געזאגט, האט ער דאך געהאט א הרהור תשובה, ווי קומט עס ער זאל דערנאך ווייטער מורד זיין? דער תירוץ איז, ער האט ניט מתודה געווען אזוי ווי די ריכטיגע תשובה איז, מתודה זיין אויף דעם עבר און מקבל זיין צו בעסערן זיך בעתיד. ער האט געזאגט ה' הצדיק, ואני ועמי, איך און מיין פאלק, מוזן זיין רשעים, אזוי איז אונזער נאטור לויט אונזער באשאפונג, אנדערש קענען מיר ניט זיין, ער האט געגלויבט אין פאטאליזם און דעטערמיניזם.

(נפלאות חדשות).

קיג. **כי ידבר אליכם פרעה תנו לכם מופת**. דער אר"י ז"ל שרייבט, יעדער מענש דארף גלויבן, אז זיין דבור איז גורם א נחת רוח צום בורא און אז ער קען פועלן אלעס גוטס דורך דעם דבור. ווען דער מענש גלויבט אזוי, היט ער אפ שטארק זיין דבור פין שטותים און הבלים, ער איז תמיד מלמד זכות

אויף אידן און רעדט נאר דברי תורה, דאן איז זיין דבור בכח פועל צו זיין אלע גוטע פעולות. דאס איז טייטש, תנו לכם מופת, גיט א באווייז אויף אייך אז אייער דבור איז בכוח צו טון פעולות. ואמרת אל אהרן קח את המטה והשלך לפני פרעה יהי לתנין. איר זאלט אים אובערצייגן אז איר האט כח צו מאכן פון א שטעקן א שלאנג, נאר מיט אייער דבור (הרב מברדיטשוב).

קיד. **כצאתי את העיר אפרוש את כפי אל ד׳, אבל בתוך העיר לא התפלל לפי שמצרים היתה מלאה גילולים** (רש״י). פארוואס דוקא בא מכת ברד האט משה באדארפט מתפלל זיין ארויס פון דער שטאדט און ניט בא די אנדערע מכות?

ס׳איז ידוע אז די מצרים האבן געדינט צו די שאף, זיינען די שאף געווען עבודה זרה, אבער די שאף זיינען תמיד געווען אין פעלד. בא דער מכה פון ברד שטעהט, הירא את דבר ד׳ הניס את מקנהו אל הבתים, האבן זיי ארייג־גענומען דאמאלס די שאף אין שטאדט, דעריבער האט משה רבינו געמוזט איצט תפלה טון ארויס פון שטאט (רבי ר׳ העשיל מקראקא).

## בא

קטו. **בא אל פרעה כי אני הכבדתי את לבו.** חז״ל זאגן בא בלעם׳ן אז השי״ת האט אים געזאגט כבר קדמך אברהם, ווייל בא אלעם איז דא זה לעומת זה. די מדה פון זריזות וואס בלעם האט געהאט אין דער סטרא אחרא, האט אברהם געהאט אין קדושה „וישכם אברהם בבוקר״. און די קדושה איז גובר. דא האט משה געזעהען, אז פרעה האט די מדה פון עקשנות, און בא זיך אין דער קדושה האט ער דאס ניט געפיהלט. ווייל ער איז דאך געווען דער גרויסער עניו, און א עניו איז דאך בטבע נאכגעביג, דעריבער האט ער אים געזאגט כי אני הכבדתי את לבו, דאס עקשנות האב איך אים אריינגעגעבן, וועסטו אים קעננען גובר זיין (נפלאות חדשות).

קטז. **לכו עבדו את ד׳ רק צאנכם ובקרכם יוצג.** פרעה איז געווען בא דער מיינונג, אז מען דארף ניט קיין קרבנות, ס׳איז גענוג צו דינען דעם אויבערשטן מיט דער מחשבה אליין. די מעשים זיינען ניט וויכטיג. האט אים משה ערקלערט, גם מקננו ילך עמנו, מיר מוזן דינען מיט מעשים, מיט קרבנות. „כי ממנו״ ווייל פון די מעשים, נקח לעבוד אל ה׳, ווען מיר קעננען צו קומען צו דינען מיט דער מחשבה, דען די מעשה איז מעורר די מחשבה

(היהודי מפשיסחא).

קי״ז. **וישאלו כלי כסף וכלי זהב ושמלות.** דער קעניגסבורגער רב באַ־הויפטעט אין זיין ספר „הכתב והקבלה״ אז **וישאלו** איז טייטש, זיי זאלן פאר־לאנגען, פונם לשון שאל לך, זיי האבן פארלאנגט אלס געשאנק, דארויף האט השי״ת געגעבן דעם חן פון פאלק בא די מצרים אז זיי זאלן ווען שענקען.

דעמיט קאנען מיר פארשטעהן דעם מאמר, א״ל הקב״ה למשה לך אמור לישראל: וישאלו, שלא יאמר אותו צדיק ואחרי כן יצאו ברכוש גדול לא קים בהם. רכוש הייסט אייגענס, וואס דער מענש האט זיך ערווארבן. ואת רכושם אשר רכשו. ווען זיי נעמען בא די מצרים מיט גוואלד וואלט דאך עס ניט געהייסן רכוש, אויך דאס וואס זיי האבען גענומען ביים ים הייסט בזת הים, ניט רכוש.

קיח. **לא ראו איש את אחיו ולא קמו איש מתחתיו.** ווייל זיי זיינען געווען בא אזא מדריגה פון פירוד לבבות, אז זיי האבן זיך ניט געקענט אנקוקן איינער דעם אנדערן, דערפאר האבן זיי זיך ניט געקענט רירן און האבן ניט געהאט די מעגליכקייט זיך אויפצוהויבן פון דעם שפלות, אין וועלכן זיי האבן געזינקען (רבי בונם מפשיסחא).

קיט. **והיה הדם לכם לאות.** בשעת מכת בכורות האט זיך געבילדעט די אומה הישראלית. דאמאלס איז געווען די התחלה, פון ווען אן זיי זיינען גערופן בני בכורי ישראל. דער אויבערשטער האט געהייסן געבן על הפתח דעם דם מילה און דם הפסח, דער דם מילה איז געווען א אות אויף קבלת עול מלכות שמים, דער דם פסח אויף קבלת עול מצות, און איצט האבן מיר בא דער טיר די מזוזה וואס ענטהאלט 2 פרשיות, שמע איז קבלת עול מלכות שמים און והיה אם שמוע קבלת עול מצות (הרי״מ מגור).

קכ. **ועצם לא תשברו בו.** ס׳איז ניט דער דרך פון פורשטן און שרים צו ריזן ביינער און זיי צוברעכן, נאר ארימע וואס האבן ווייניג עסן טוען אזוי. באם אנהויבן ווערן א עם סגולה, ממלכת כהנים וגוי קדוש, און אזוי יעדעס יאהר אין דער צייט באדארפן מיר זיך אויפפירן אויף דער ארט פון איידעל־לייט אין יחוס מענשן, כדי איינוואָרצלען אין געדאנק אז מיר זיינען בני המעלה, דאס וועט אונז ברענגען מיר זאלן זיך אויפפירן איידל און שען ווי עס פאסט פאר בני מלכים. דאס איז אויך דער טעם פון **בבית אחד יאכל**, מ׳טאר ניט עסן דעם פסח אויף מעהרערע ערטער, דען צו עסן דא און דארט, אין מעהרערע הייזער, איז פון די געמיינע זיטן און פאסט נאר פאר פראסטע מענשן (החינוך).

## ש י ר ה

קכא. **ויהי בשלח פרעה את העם, משה וישראל צוחו וי** (מדרש). מיר האבן א מסורה, אז אומעטום וואו ס׳טעהט „ויהי״ איז געווען א צרה, וואס איז דא געווען פאר א צרה? די צרה איז געווען, וואס פרעה האט מיט זיי ארויס געשיקט אויך דאס ערב רב וואס ווערט אנגרופן „העם״. דעריבער האבן משה וישראל געשריגן וי (רבי יונתן אייבשיץ).

קכב. **וחמשים עלו בני ישראל.** אידן דארפן געהן למעלה למעלה, אידן דארפן געהען ארויף (רבי בונם מפשיסחא).

**בקשו מלאכי השרת לומר שירה. אמר להם הקב״ה: מעשי ידי טובעין בים ואתם אומרים שירה?** (סנהדרין ל״ט). מיר געפונען, אז דער חיל סנחרוב איז געשטארבן, ווייל די נשמה איז זיי אויסגעגאנגען, הערנדיג די שירה פון די חיות הקודש (סנהדרין צ״ה ב׳).

אויך איצט האבן די מלאכים געוואלט זאגן שירה כדי די מצרים זאלן אויסגעהן דורך דעם. האט זיי השי״ת געזאגט, די מצרים האבן דערטראנקען אידישע קינדער אין וואסער, קומט זיי צו באשטראפן מדה כנגד מדה „כי בדבר אשר זדו עליהם״, דארפן זיי שטארבען אויך דורך דערטרונקען ווערן אין וואסער (רבי שמעלקא מניקלשבורג).

קכג. **הים ראה וינוס ארונו של יוסף ראה.** ווער טראגט דעם ארון? חברה שמשים. זיי זיינען געוועהנליך גרויסע טרינקערס און קאנען אויסטרינקען א ים, דערפאר האט ער זיך נעבעך דעשראקן.

קכד. **זה אלי ואנוהו, ראתה שפחה על הים מה שלא ראו הנביאים** (מדרש). די קדמונים ערקלערן די סתירה צווישן משה׳ן, וואס ער האט געזאגט כי לא יראני האדם וחי, און די נביאים וואס האבן זיך פארגעשטעלט אז זיי האבן יא געזעהן די אלקות, ווייל משה׳ס השגה איז געווען א קלארע, אהן שום דמיונות, די איבריגע נביאים אבער האבן משיג געווען מיט דעם כח המדמה.

דאס איז די כונה פונם מאמר, „כל הנביאים נסתכלו באספקלריא שאינה מאירה, משה רבינו נסתכל באספקלריא המאירה (יבמות מ״ט). דער רמב״ן איז ממתיק אזוי, א. שוועכזיכטיגער מיינט תמיד, אז ער זעהט עפעס. דער אבער וואס האט געזונטע אויגן, ווייסט אז ער זעהט גאר ניט. דער „עקרים״ טייטשט וואונדערליך דעם פסוק אוי לי כי נדמתי (ישעיה). ער האט דערפיהלט אז דער כח הדמיון האט אים שטארק באהערשט. לויט דער דאזיגער אויפפאסונג איז קיין חדוש ניט וואס די חז״ל זאגען, אזביים ים האבן קליינע און שוואכע געזעהען מערער, ווייל וואס די השגה איז שוואכער, זעהט מען מעהרער. דער כח הדמיון איז רייך (רבי יוסף שאול נתינזון).

קכה. **כל המחלה אשר שמתי במצרים לא אשים עליך כי אני ד׳ רופאך.** ס׳איז א פליאה, אז מען איז ניט קראנק דארף מען ניט קיין דאקטאר? עס איז פאראן 2 סיסטעמען אין מעדיצין, אללאפאטיא און האמעא־פאטיא, די ערשטע היילט די קראנקהייט מיט געגן־מיטלע. די צווייטע מאכט נאך אויף א געקינסטלטן אופן די קראנקהייט, און דאמיט שוואכט זי די קראנק־הייט, דער אויבערשטער קאן אויסהיילען אהן ער זאל דארפן אריינברענגען אין מענשן די חולאת צוליב א רפואה.

קכז. **לא ניתנה תורה אלא לאוכלי המן** (מכילתא). מ״ן איז ר״ת מ׳סירת נ׳פש. וועגן תורה מוז מען האבן מסירת נפש (הרב מסדילקוב).

קכח. דער מנהג איז, שבת שירה ווארפט מען פאר די פייגעלעך קאשע.

די סיבה דערפון איז פאלגענדע: משה האט געזאגט אז שבת וועט מען ניט געפונען קיין מן, האבן דתן ואבירם מיט זייער קאמפאניע גענומען פארטאג זייער מן און אים אויס געשפרייט, כדי דערמיט צו פארטונקלען די גרויסקייט פון משה׳ן ביי אידן, זיינען אבער די פייגעלעך תיכף געקומען און אויפגעקליבן, און דער נאמען פון משה און זיין נבואה איז געבליבן הייליג, צו דעם דאזיגן אנגעדענקען איז איינגעפירט דער שענער מנהג (אחרונים).

קכט. **אכלוהו היום כי שבת היום לה׳.** ס׳איז ידוע אז אין מן האט מען געפיהלט דעם טעם פון דעם מאכל וואס מ׳האט געטראכט אין דער מחשבה, אין דער גמרא (שבת קי״ט) שטעהט, אז תבשיל של שבת ריחו נודף, די שבת׳דיגע מאכלים האבען א באזונדערן געשמאק, דעריבער שטעהט אכלהו היום! איר זאלט עסן מיט דער מחשבה: כי שבת היום לד׳! כדי איהר זאלט פיהלן דעם טעם פון שבת מאכלים.

## יתרו

קל. **וישמע יתרו** אלעס וועגדעט זיך אינם דערהערן. מ׳הערט א סאך זאכן אבער דער חסרון איז, וואס מ׳דערהערט ניט! עס געהט ניט אריין אין אויער, אין הארץ, אין דער נשמה. יתרו האט יא דערהערט...

קלא. **מה שמועה שמע ובא? קריעת ים סוף ומלחמת עמלק** (זבחים ג׳). פארוואס שטעהט ויבא יתרו, ניט וילך יתרו? וילך הייסט ער איז געגאנגען לאנגזאם, ויבא מיינט געגאנגען בזריזות, מיט גיכקייט און איילעניש. דער כלל איז, מ׳דארף זיך אפלערנען א מוסר פון די עושי עולה, זיי טוען אלעס שנעל, מיט זריזות, דארפן מיר דאך דאס גוטע אודאי טון בזריזות, „מאויבי תחכמני מצותיך״. ביי עמלק שטעהט „**ויבא** עמלק״. ער האט זיך געאיילט און געקומען גיך מלחמה פירן מיט אידן, פון דעם האט זיך יתרו אפגעלערנט א מוסר זיך איילן צו גוטן (רבי יהושע רוקח מבעלז).

קלב. **ויבא אהרן וכל זקני ישראל לאכל לחם עם חותן משה לפני האלקים.** די תורה באטאנט, אז משה האט געגעסן ברויט גלייך מיט אלע מענשן, דאס אידנטום מאכט ניט משה׳ן פאר א גאט, וואס דארף ניט עסן.

קלג. א שפריכווארט זאגט, דער מענש עסט כדי ער זאל לעבן, די בהמה לעבט כדי זי זאל עסן. די 2 מדרגות זיינען דא אויך בא מענשן׳! דאס לעבן פונם מגושמ׳ן מענש האט קיין אנדער תכלית ווי צוליב עסן, דער איידעלער מענש, עסט כדי ער זאל לעבן א גייסטיג אין מאראליש לעבן, ער זאל פאר־ווירקליכן די געטליכע אידעע און זיינע אידעאלן. דאס איז די כונה פון „לאכל לחם לפני האלקים״ דאס עסן איז געווען א פארבערייטונג צו עבודת אלקים.

קלד. **וקדשתם היום ומחר וכבסו שמלותם.** ווער עס וויל מתקן זיין דאס פאלק און אים מדריך זיין בדרך הישר, זאל ניט אנהויבן מיט חיצוניות,

ד. ה. אים לערנען בגדים לבנים, טבילה און וואשן ווי די פרושים; נאר ער זאל צוערשט אים לערנען מנפש ועד בשר, דערנאך זאל ער זיי לערנען חיצונית (אלשיך)

קלה. די אחרונים פרעגן, ווי אזוי האבן זיך אידן געקאנט מתחייב זיין אפהיטן די תורה. ס׳שטעהט דאך ארוכה מארץ מדה ורחבה מני ים, ד. ה. תורה האט ניט קיין גבול, און דער דין איז: אין אדם מתחייב בדבר שאין לו קצבה (חו״מ סי׳ ס׳)? דער תירוץ איז, פאר וואס איז דער דין אזוי? ווייל אזא התחייבות איז דער מענש ניט גומר ביי זיך מיטן גאנצן הארץ, ס׳איז נאר א אסמכתא, און אסמכתא לא קניא. מיר געפונען אבער, אז דארט ווי ס׳איז שייך ליבשאפט, איז אויף אזא אופן אויך גמר ומקני און די התחייבות איז באשטעטיגט לויט דעם דין (ע׳ גיטין מ״ט ב׳). בשעת מתן תורה האבן אידן געהאט גרויס אהבה צו דער תורה און השי״ת וואס ווייזט זיך ארויס פון דעם וואס זיי האבן געזאגט נעשה ונשמע, דערפאר איז זייער התחייבות גילטיג. דערמיט ערקלערן זיך די פסוקים לכל תכלה ראיתי קץ רחבה מצותך מאד, מה א ה ב ת י תורתך (אמרי יושר).

קלו. והייתם לי סגולה. סגולה הייסט א רפואה. דער חילוק צווישן א סגולה ביז אנדערע רפואות איז דאס וואס אלע רפואות פארשטעהט מען און מ׳ווייסט דעם שכל פאר וואס זיי היילן. א סגולה אבער פארשטעהט מען ניט, ס׳איז אהן א שכל, ס׳העלפט מיט שטארקע און אמת׳ע אמונה אין דעם. אזוי דארפן אידן גלויבן אין השי״ת אפילו ווען זיי פארשטעהען ניט מיטן שכל, מ׳דארף האבן אמת׳ע אמונה, וארשתיך לי באמונה (היהודי מפשיסחא).

קלז. א צווייטער פירוש. — איר זאלט זיין ווי א „סגול״ די נקודה פון „סגול״ ווי אזוי מ׳זאל זי ניט איבער קערן, בלייבט זי אלץ סגול. אזוי איז נצח ישראל לא ישקר. ישראל אע״פ שחטא ישראל הוא (הנ״ל).

קלח. כל מה שישראל אוכלים בעוה״ז אינם אוכלים אלא בזכות האמונה (מדרש). די גמרא זאגט, שכר מצוה בהאי עלמא ליכא, דעם שכר פון א מצוה באצאלט מען ניט אויף דער וועלט, איז קשה ס׳איז דאך א מצוה אין דער תורה, ביומו תתן שכרו? איז דער תירוץ, לויט דעם דין פון השוכר את הפועל ע״י שליח, אז איינער דינגט אנ׳ארבעטער דורך א שליח, איז ער ניט עובר אויף בל תלין, ווייל ער האט אים ניט געדינגען, און אזוי ווי מיר האבן מקבל געווען די מצות דורך א שליח „תורה צוה לנו משה״. איז דער אויבערשטער ניט מחויב אין בל תלין. אבער די ערשטע 2 מצות, אנכי ולא יהיה לך, מפי הגבורה שמענום, זיי האבן מיר געהערט פון השי״ת אליין, דארף ער פאר זיי באצאלן שכר טוב אויף דער וועלט (רבי ר׳ העשיל).

קלט. זכור את יום השבת לקדשו. דער קאצקער ז״ל האט געזאגט, איך ווייס נישט וואס זיי וילן פון מיר האבן, א גאנצע וואך טוט יעדער וואס ער וויל. און אז ס׳קומט שבת קדש, טוט ער זיך אן די שווארצע קאפאטע, דעם שווארצן

גארטעל און דאס שווארצע שטריימעל און איז שוין א מחותן מיט דעם לכה דודי, איך זאג כמעשהו בחול כך מעשהו בשבת.

קמ. אויף דעם מאמר פלעג דער גורער ז"ל מוסיף זיין אזוי, איך זאג: אש לפניו תלך ותלהט סביב צריו, אז מ'געהט פריהער מיט התלהבות און מען פארברענט אללע געמיינקייטן, איז דערנאך האירו ברקיו תבל, שיינט דער שבת אין אים אריין. און ווידער, אז מ'געהט טאקע צו מיט בושה, מ'שעמט זיך, מ'זאגט וואס פאר א מחותן בין איך מיט דעם שבת? נעמט דער שבת אום צו מיט דער בושה.

קמא. **בכל המקום אשר אזכיר את שמי אבא אליך וברכתיך.** אמאל האט דער קאצקער ז"ל געפרעגט די גדולים פון זיין צייט: וואו איז דער אויבערשטער? האבן זיי געלאכט פון אים, ס'איז דאך מלא כל הארץ כבודו, האט ער זיי געזאגט, דער אויבערשטער וואוינט דארט וואו מ'לאדט אים אריין.

## משפטים

קמב. **ואלה המשפטים אשר תשים לפניהם.** א שר האט אמאהל געזאגט צום אפטער רב, ביי אונז אז איינער האט טענות צו אנ'אנדערן, שרייבט ער א אנקלאגע צום שופט, דער שופט באשטימט א געוויסן טאג וועו צו משפטן, ביז דאמאלס האט ער צייט זיך מיישב זיין אין דער זאך.ביים פראצעס טרעטן ארויס אדוואקאטן פוןביידע צדדים, זיי דיסקוטירן. נאך דעס ווי דער שופט גיט שוין ארויס א פסק, קאן מען נאך מאכן אנ'אפעל און א רעקורס צו העכערע אינסטאנצן, דאגעגן בא אייך אידן, געהט מען פלוצים אריין צו א יונגנמאן א רב, ער הערט אויס די טענות און תיכף גיט ער ארויס דעם פסק דין, איז דען מעגליך ס'זאל זיין גערעכט?

האט אים געענפערט דער אפטער רב, איך וועל דיר דערצעהלן א מעשה. א הונגעריגער וואלף איז ארומגעגאנגען זוכן עסן און האט ניט געפונען, ווייט פונם וואלד האט ער דערזהען שאף, איז ער זיי נאכגעלאפן און האט איין שאף פאריאגט אין וואלד אריין. ער זאל זי דארט פארציקן. קומט אן דער לייב און נעמט זיך די שאף. שרייט דער וואלף, אדוני לייב, האסטו שוין געזעהן אז א שאף זאל אליין קומען אין וואלד? איך האב זי אריינגעטריבן, איז זי דאך מיינע! זאגט אים דער לייב, דו האסט זי דען געקויפט פאר געלט? ס'איז דאך פשוט גזילה, זיינען מיר ביידע גלייכע בעלי בתים! זיינען זיי זיך געגאנגען לאדן פארן פוקס. גיט דער פוקס ארויס אזא פסק, ביידע האבן א גלייכע רעכט, דאריבער דארף די שאף צוטיילט ווערן צו ביידע אויף 2 גלייכע חלקים. קיין וואגשאל איז ניטא בא חיות. צורייסט דער פוקס די שאף אויף 2 טייל און נעמט וועגן מיט די לאפעס די טיילן. געפונט עד אז איין טייל איז גרעסער. בייסט ער אפ א שטיק כדי צו פארגלייכן, דערפון ווערט דער אנדערער טייל גרעסער, בייסט

ער שוין פון יענער טייל א שטיק, אזוי האט ער געהאלט אין איין בייסן דאס פלייש כדי צו פארגלייכן ביז ס'זיינען געבליבן פאר די בעלי דינים די הוילע ביינער.

ווען זיי זאלן זיך געווען באפרידיגן מיט דעם ערשטן משקל, וואלט געווען גוט פאר ביידע, זיי האבן אבער געוואלט ס'זאל זיין פונקטליך גערעכט, זיינען זיי געבליבן בא גאר נישט. אזוי ביי אייך, ווייל מען ויל דער משפט זאל זיין פונקטליך גערעכט, ווערט אלעס אויפגעגעסן פון די הוצאות, און די בעלי דינים בלייבט גארנישט.

דאס שטעהט אין קהלת ברוב חכמה רוב כעס ויוסיף דעת יוסיף מכאוב.

קמג. **אם יום או יומים יעמוד לא יוקם.** אמאל איז געשטארבען א גביר, א גרויסער קמצן, וואס האט זיין גאנץ לעבען ניט געגעבן וועגן צרכי הקהלה. האט די קהלה איצט פארלאנגט א גרויסע סומע געלט פאר דעם פלאץ. די קינדער זיינען געווען אזעלכע קמצנים ווי דער פאטער און האבן ניט געוואלט געבן, האט מען דעם נפטר געמוזט לאזן ליגן אויף דעם 2־טען טאג, די יורשים זיינען געווען שטארק אין כעס אויף דער קהלה און האבן זיך אויסגעדריקט, אז זיי וועלן נעמען נקמה פון די קהלה פירער.

ביים הספד האט דער רב געטייטשט, אם יום או יומים יעמוד, אויב מ'האט דעם נפטר געדארפט אויפהאלטן 2 טאג, לא יוקם, דארף מען דערפאר ניט נעמען נקמה פון די חברא קדישא, כי כספו הוא, דען קיינער איז אין דעם ניט שולדיג, נאר זיין געלט, זיין גרויס פארמעגן, וואס ס'איס פון אים געבליבן. ווען ער זאל געווען זיין א ארימאן, וואלט מען אים זאפארט מקבר געווען.

קמד. **לחפשי ישלחנו תחת שנו.** ס'איז דא א מדרש, משפטי ד' אמת. ריש לקיש אמר: מקל וחומר. ורבנן אמרי: מגזירה שוה. דער מדרש מיינט אז די יסורים וואס דער אויבערשטער משפט דעם מענש זיינען גערעכט. ווייל זיי זיינען ממרק די עונות, אין דער גמרא (ברכות ח') שטעהט, יסורים ממרקין עונותיו של אדם. ר' יוחנן זאגט, מ'לערנט דאס אב מק"ו פון שן ועין, דעבד יוצא בהם לחירות. ר"ל זאגט מגזירה שוה: נאמר ברית במלח ונאמר ברית ביסורין כו'. דאס איז די כונה פון מדרש, אז משפטי ד' אמת לערנט מען אף פון קל וחומר אדער פון גזירה שוה (רבי העשיל).

קמה. א דאקטאר האט געזאגט אויף א חולה, אז ער איז אים מייאש, זיינען די בני בית געלאפן מיט א געוויין און יאמער צום רב. האט ער געזאגט, דער דאקטאר האט דערויף קיין רעכט ניט, ווייל ס'שטעהט: ורפא ירפא, מכאן שנתנה תורה רשות לרופא לרפאות. די תורה האט אים ערלויבט צו געבן רפואות, אבער נישט מייאש זיין.

קמו. **ועבדתם את ד' אלקיכם וברך את לחמך ואת מימיך.** פארוואס שטעהט קודם לשון רבים און דערנאך לשון יחיד? דער דרך איז, אז א זאך

דאס ווערט נעטון בכנופיא. צווישען א רבים, טוט זיך די זאך מיט מעהר חשקות, מיט מעהר חיות און טעם, דערפאר איז דער דרך פון זולל וסובא'ניקעס צו עסן און טרינקען בכנופיא, ווייל דאס איז זיי גורם צו האבן מעהר אפעטיט און מעהר חשק אין דעם פרעסעריי. דארויף לערנט די תורה אז עבודת ד' זאל מען זיך צונויפנעמען בכנופיא, כדי די עבודה זאל זיין מיט חיות און התלהבות, דאגעגן די אכילה ושתיה איז גלייכער צו פראווען ביחידות.

קמז. **אם כסף תלוה את עמי את העני עמך.** אין א צייט ווען דאס עניות איז בא דיר אויך.

## תרומה

קמח. **בשעה שהקדימו ישראל נעשה לנשמע מיד אמר הקב"ה ויקחו לי תרומה** (מדרש). דאס בויען א משכן פאר השי"ת האט געקאנט ברענגען צו א גרויסן טעות, צו טראכטן ח"ו, אז השי"ת דארף האבן א פלאץ צו רוהען, און ער איז חלילה א גשמי. דעריבער האט מען די מצוה פון משכן ניט געקאנט געבן, ביז ס'וועט זיך ארויסווייזן פאר זיכער, אז זיי פארשטעהען, אז דער אויבערשטער איז ניט קיין גשמי און באדארף ניט האבן קיין שום נוץ פון די באשעפענישן. דאס האט זיך ארויסגעוויזן ווען די אידן האבן געזאגט, נעשה ונשמע, זיי האבן דאך קודם געדארפט הערן וואס מע זאגט זיי אפשר איז פאר זיי שווער? נאר ווייל זיי האבן געוואוסט, אז דער אויבערשטער איז בתכלית השלמות, בא דער העכסטער פולקאמענהייט, האט ער ניט קיין באדערפניש אין די מצות, די מצות זייען אבסאלוט נאר וועגן דער טובה פון מענשן, איז ניט שייך צו קלערן: אפשר זיינען זיי שווער? וואס טוט ניט דער מענש וועגן אייגענער טובה און גליק? אין דעם מאמענט ווען ס'האט זיך דאס ארויסגעוויזן, זיינען זיי געווען ראוי צו דער מצוה פון מאכן א משכן, אהן שום מורא טאמער וועט עס ברענגען צו א טעות, דעריבער האט מען זיי דאמאלס געזאגט, ויקחו לי תרומה, ועשו לי מקדש ושכנתי בתוכם (רבי יהודה עדעלס).

קמט. **ויקחו לי תרומה. לי לשמי** (רש"י). אין גמרא (ברכות ס"ג) שטעהט, למה נסמכה פרשת סוטה לפ' תרומה? מי שאינו מביא מעשרותיו לכהן, סוף נצרך לו ע"י אשתו. דער וואס גיט ניט זיינע תרומות דעם כהן, איז דער סוף, אז ער מוז אנקומען צום כהן ווען די אשה ווערט א סוטה. און ווייל ביי א סוטה ווערט אפגעמעקט דער שם אין די מים המאררים, דעריבער איז רש"י מרמז מ'זאל בעסער געבן די תרומה כדי דער נאמען פון השי"ת זאל בלייבן אונבאריהרט (רבי ר' העשיל).

קנ. **מאת כל איש אשר ידבנו לבו תקחו את תרומתי.** אלעס אין דער וועלט געהערט סיי ווי צו השי"ת, ער דארף ניט, אז דער מענש זאל אים

שענקען, נאר וואס דען פארלאנגט ער? נדיבת לב, דער מענש זאל געבן ברצון, בלב שלם ובשמחה „ורוח נדיבה תסמכני" (דברי שאול).

קנא. **אבני שוהם ואבני מלואים לאפוד ולחושן, כמו המגביהי לשבת. המשפילי לראות בשמים ובארץ** (אבן עזרא). אזוי ווי דארט אין תהלים ווערט איינגעטיילט אין צווייען, המגביהי לשבת איז פארבונדן מיטן ווארט בשמים, און המשפילי לראות מיט ובארץ. אויך דא איז אבני שוהם פארבינדן מיט לאפוד, ואבני מלואים מיט ולחושן, אזוי ווי רש"י טייטשט (עת רצון).

קנב. **ועשו לי מקדש ושכנתי בתוכם.** די כונה פנימית פון מקדש איז, ס'זאל זיין א צענטער פון קדושה, פון גייסטיג לעבן אין התרוממות הנפש. דער מענש וואס קומט אריין אין מקדש האט פון זיך אפגעטרייסלט דאס גאנצע גשמיות, ער האט זיך דערווייטערט פון דעם גופניות און חיים הארציים אויף אזא אופן, אז די געטליכקייט האט געקאנט אריינשיינען אין זיין נשמה און רוהען אין זיין הארץ. דאס הייסט: ועשו לי מקדש זיי זאלן מיר מאכן א מקדש, כדי דורך דעם זאל איך קענען רוהען אין זיי ושכנתי בתוכם (דברי יחזקאל).

קנג. **אל תבטחו לכם על דברי השקר לאמר היכל ד' היכל ד', היכל ד' המה** (ירמיה ז'). פאוואס שטעהט 3 מאל היכל ד'? די טייטש איז אזוי, איר זאלט ניט מיינען אז דער מאטעריעלער היכל אליין איז שוין דער היכל ד', און דערמיט קאנט איר יוצא זיין און נענוג. ניין! היכל ד' **המה**... דער אמת'ער היכל זיינען זיי, די אידן אליין. די מענשן דארפן זיך אויפפירן אזוי זיי זאלן זיין דער היכל ד' (עץ שתול).

## ת צ ו ה

קננד. **וישא עשו קולו ויבך, ונשמע קולו בבואו אל הקדש** (מסורה). דער זהר זאגט, אז אלע צרות פון אידן אין גלות איז דורך די טרערן, וואס עשו האט פארגאסן איבער די ברכות. די אידן דארפן אלזא מיט זייערע טרערן מבטל זיין זיינע טרערן, דאמאלס וועט נעמען א סוף צום גלות. פרעגט זיך א קשיא: האבן מיר דען ביז היינט קארג געוויינט?

דער לבושי שרד ז"ל ערקלערט דאס אין זיין ספר מגילת סתרים לויט דעם דין פון „מין במינו אינו בטל". אין ר"ן נדרים (דף נ"ב) ווערט געבראכט א סברא דערויף, ווייל מין במינו שוואכט ניט אפ איינער דעם צווייטן, און געגנטייל זיי פארשטארקן זיך (זעה טו"ז יו"ד סי' ק"ב). דאס וויינען פון עשו'ן איז געוועזן איבער גשמיות, און אידן וויינען אויך איבער גשמיות, הייסט דאס מין במינו, ווערט עס ניט בטל. ווען אידען וועלן אבער וועגען איבער רוחניות. קדושה, דאמאלס וועלן זייערע טרערן זיין ניט פון זעלבן סארט וואס עשו'ס, וועלן עשו'ס טערען בטל ווערן. דערמיט קאן מען ערקלערן די מסורה, וישא עשו קולו ויבך, וואס איז די עצה

דערצו? ונשמע קולו בבואו אל הקדש אז אידיש קול בכי, אידישע טערערן זאלן זיין נאר וועגן קדושה, וועגן רוחניות...

קנה. **ועשית קרשים למשכן עצי שטים עומדים אלו הצדיקים** (מדרש). ס׳איז ידוע, אז דער נאמען משכן ווייזט אז ער ווערט גענומען, אלס א משכון אויף די עונות פון ישראל. ד. ה. ווען אידן זינדיגן, ווערט דער משכן חרוב.

דער מדרש זאגט, אברהם האט געפרעגט דעם אויבערשטן, וואס וועט זיין ווען דאס משכן וועט ניט עקזיסטירן? האט השי״ת געענטפערט, דאן וועל איך צונעמען בא זיי א צדיק, וועט ער מכפר זיין, דאס מיינט דער מדרש, אז דורך דעם מאכן פון משכן וועלן די צדיקים קענען עקזיסטירן (רבי אברהם בנימין קלוגער).

קנו. **ועשית מעיל האפד כליל תכלת והיה פי ראשו בתוכו שפה יהיה לפיו סביב.** דער בעל הטורים ערקלערט, אז כפי דער מעיל איז מכפר אויף דעם חטא פון לשון הרע, דערפאר שטעהט, שפה יהיה לפיו סביב, דען ער דארף ווייטער היטן זיין מויל און עס האלטן געצוימט, ס׳שטעהט ווייטער, כפי תחרא יהיה לו, רש״י טייטשט, שהשריונים פיהם כפול לתוכו, שריון איז פון די כלי מלחמה, דער מענש קאן אויסהאלטן און מנצח זיין אין מלחמת היצר, נאר ווען ער האלט דאס מויל פארצוימט (רבי שלום מבעלז).

קנז. **ולא יזח החושן מעל האפד.** דער חושן אין געווען אויף דעם הארץ. „אפד״ איז בגימטריא פ״ה (85). די תורה איז מרמז, אז דאס הארץ דארף ניט זיין אפגעטיילט פון מויל, ס׳דארף זיין פיו ולבו שוים (הרב מסדילקוב).

קנח. **כל אשר דבר ד׳ נעשה ונשמע, ונשמע קולו בבואו אל הקדש, ונשמע פתגם המלך** (מסורה). אין צייטן ווען אידן שטעהען אויף א הויכער מדרגה, איז נעשה ונשמע פון זיך אליין, דורך אייגענער התעוררות. אין א צייט, ווען אידישקייט אוז שוואכער, מוז זיין ונשמע קולו, ס׳זאל זיין א מוכיח, א מעורר וואס זאל מקרב זיין צו תורה ומצות. אין צייטן פון גייסטיגער ירידה און שפלות מוז זיין נשמע פתגם המלך, דאמאלס איז הקב״ה מעמיד עליהם מלך קשה כהמן מחזירן למוטב.

## ת ש א

קנט. **זה יתנו כל העובר על הפקודים.** אממייסטן געבן די, וואס זיינען עובר אויף דער תורה.

קס. א מחבר, וואס איז ארומגעפארן פארקויפן זיין ספר אויף וועלכן ס׳איז געווען א פיקסער פרייז: א האלבער רובל, האט געזאגט, אין דער תורה זיינען פאראן 2 מצות, „העשיר לא ירבה און והדל לא ימעיט״ אויף דער ערשטער קאן איך מוותר זיין, אויף דער צווייטער ניט...

קסא. **אלמלי שמרו ישראל שתי שבתות מיד היו נגאלין** (שבת קי״ח). פארוואס דוקא 2 שבתים? דאס יאר בכלל ווערט איינגעטיילט אין 2 טיילן:

ווינטער און זומער. ווינטער היט מען ניט געהעריג שבת דורך קעלט. מ׳איז זיך מתיר הייצן און דערוואַרעמען. זומער היט מען ניט שבת ווי ס׳ דאַרף זיין, דורך דער היץ. מ׳איז זיך מיקל צו שפאַצירן חוץ לתחום, אין גערטנער אין פעלדער. דערויף זאָגט די גמרא, ווען אידן היטן די 2 שבתים, די ווינטערדיגע און זומערדיגע, וואָלטן זיי אויסגעלעזט געוואָרן (רבי יצחק שמעלקיס).

קסב. **וביום השביעי שבת וינפש.** דער צוועק פון שבת איז, אז ס׳זאָל זיך מעהרן און פאַרשטאַרקן דער כח פון נפש, פון גייסט. א גאַנצע וואָך איז מען עוסק צו באַרייכערן די עניני הגוף. שבת זאָרג פאַר די עניני הנפש.

(רבי יוסף שאול נתינזון).

קסג. **וינפש.** ער האָט זיך צו דער אַלגעמיינער בריאה, פאַר א נפש, פאַר א זעעלע געמאַכט. ער האָט זיך באַשרענקט און מצמצם געווען, צו זיין אונזיכטבאַר אין אינערליכן זין פון דער יצירה אזוי ווי די נשמה אין גוף. ער איז איינגעהילט און פאַרבאָרגן אין אַלעס וואָס לעבט און עקזיסטירט

(רבי שמשון רפאל הירש).

קסד. אין מדרש שטעהט, אז משה רבינו האָט ממליץ געווען פאַר אידן און געזאָגט: רבש״ע אתה אמרת אנכי ד׳ אלקיך, לא יהיה לך, לי צוית ולא להם. איז דאָך א פלא, די גאַנצע תורה איז געזאָגט בלשון יחיד, און ס׳ווענדעט זיך צו יעדן איינעם? דער הסבר דערפון איז אזוי, די גמרא זאָגט, אז יום הדין פרעגט מען דעם מענש, צפית לישועה? איז קשה פון וואַנען ווייסט מען אז מען דאַרף האָפן לישועה? דער סמ״ק ערקלערט, אז דאָס לערנען מיר אָפּ פון „אנכי ד׳ א׳ אשר הוצאתיך מארץ מצרים״. איז א פלא מה דהוה הוה, צו וואָס דאַרפן מיר דאָס וויסן? דער פסוק קומט אונז אָבער דערמיט לערנען, אזוי ווי השי״ת האָט אונז אַרויס גענומען פון מצרים. אזוי וועט ער אונז אויך אויסלעזן פון די אַנדערע גליות. מיר געפינען ווען השי״ת האָט געזאָגט צו משה׳ן, אהיה עמהם בגלות זה אשר אהיה עמהם בגלות אחר, האָט משה גע׳טענה׳ט דיה לצרה בשעתה? האָט השי״ת מודה געווען און אים געזאָגט ער זאָל זאָגן די אידן נאָר אהיה אליין. הייסט אז נאָר משה האָט געוואוסט, אז ס׳וועלן נאָך זיין גליות, אָבער די אידן ניט, האָבען זיי דאָך ניט פאַרשטאַנען די כונה פון פסוק אנכי ד׳ אלקיך אשר הוצאתיך, נאָר משה אליין. קומט אויס, אז דעס פסוק איז נאָר אים געזאָגט געוואָרן (רבי העשיל מקראקוי).

קסה. **והמכתב מכתב א׳ הוא חרות על הלוחות, אל תקרי חרות אלא חירות** (אבות). אז די רייד פון גאָט זיינען אויסגעקריצט אויף די טאַוולען פון הארץ (כתבם על לוח לבך), דאַמאָלס האָט דער מענש די אמת׳ע פרייהייט, ער ווערט באַפרייט פון אַלע נאַרישע תאוות און ער איז ניט קיין משועבד צו די הבלי עולם הזה (דברי יחזקאל).

קסו. נאָך דעם עגל, האָט דער אויבערשטער געזאָגט צו משה׳ן, לך רד,

דאס הייסט אויב זיי ווילן ניט מעהר די תורה, וועסט ביי זיי ווערן אפשוטער רעדנער.

קסח. **וראית את אחורי, קשר של תפילין הראה הקב"ה למשה** אלעס איז א מיטל צום גוטן. דערפאר דארף מען בא אלע געשעהנישן זאגן: גם זו לטובה! אבער די טובה דערקענט מען ערשט שפעטער, בא דער ענדע, פריער קען מען דאס ניט זעהען (חתם סופר).

קסח. **וראית את אחורי, קשר של תפילין הראה הקב"ה למשה** (גמרא ברכות). משה האט געבעטן השי"ת ,ער זאל אים ווייזן ווי אזוי קאן דער המון זיך מקרב זיין צום אלקות, זיי האבן דאך ניט די מעגליכקייט עוסק בתורה צו זיין. האט אים השי"ת געוויזן א קשר של תפלין, דערמיט האט ער אים מרמז געווען, אז דער המון עם דארף זיין מקושר צום ת"ח, דורך דעס וועט ער זוכה זיין צו האבן א חלק אין רוחניות וקדושה אלקית (הרש"מ מברעזאן).

קסט. **והביטו אחרי משה.** מ'האט משה'ן אויך נאכגעקוקט. מ'האט אים פארדעכטיגט. דאס איז א איינגעווארצלטער פעהלער אין מענשן פון אלע צייטן, צו מעסטן דעם גרויסן מאן מיט אייגענער מאס. דאס נעמט זיך צוליב קנאה, און אויך צוליב גאוה, דער מענש קאן זיך ניט צוגעוואוינען צום געדאנק אז יענער איז גרעסער פון אים.

## ויקהל

קע. **ויקהל משה את כל עדת בנ"י.** משה האט צונויפגעזאמלט אלע אידן ביי דער מצוה פון שבת.

דער תכלית פון שבת איז, ס'זאלן צוריק פאראייניגט ווערן אלע, וואס האבן זיך צעטיילט און דערווייטערט אין די ימי המעשה, דורך דער פרנסה און מאטעריעלע אינטערעסן. דעריבער הייסט ער „שבת שלום", שבת דארף זיין שלום און אחדות צווישן אידן. ס'מוז פארגעסן ווערן אלע שנאות. יעדער פירוד זאל אויפהערן. שבת דארף ברענגען ליכט, שלום און אחדות אין אידישע הייזער.

קעא. **ויקהל משה את כל עדת בנ"י — ויאמר אליהם.** אז דער עולם קומט זיך צוזאמען, דארף מען זיי זאגן תורה.

קעב. **לא תבערו אש בכל מושבותיכם,** פארוואס ווערט דאס אנצינדן פייער ד ע ר ־ מ א נ ט ספעציעל? אין די לוחות הראשונות ווערט געזאגט דער טעם פון שבת „זכר למעשה בראשית", דאס איז שייך בא אלצדינג, וואס איז באשאפן געווארן אין די ששת ימי בראשית. דאס אנצינדן פייער איז אבער פארנעקומען ערשט אם מוצאי שבת (פסחים נ"ד). איז דאך דאס ניט אין כלל פון כי בו שבת מכל מלאכתו, וואלט דאך געווען א סברא. אז מ'מעג די מלאכה יא טון אום שבת. דעריבער באטאנט דאס די תורה ספעציעל. און דאס ווערט געזאגט

נאך די לוחות שניות, ווייל אין זיי שטעהט שוין ניט יענער טעם, נאר זכר ליציאת מצרים (רבי יונתן אייבשיץ).

קעג. א פריידענקער האט געזאגט צו א חכם: מיר ווייסן אז פקוח נפש דוחה שבת. אין אבות שטעהט: הנעור בלילה ומפנה לבו לבטלה מתחייב בנפשו, קומט דאך אויס, אז איך האב ניט פרייטאג צו נאכטס ליכט, מעג איך אנצינדן. כדי צו קאנען לערנען און ניט זיין א מתחייב בנפשו. האט אים דער חכם געענפערט: עס שטעהט, ישב אדם ולא עבר עבירה נותנים לו שכר כאלו עשה מצוה. מיט דעם וואס מען פארמיידט זיך צו טון די עבירה פון אנצונדן ליכט בשבת, איז מען שוין ניט קיין מפנה לבו לבטלה און ניט מתחייב בנפשו.

קעד. ווען ר׳ עקיבא אייגער איז געווארען רב אין פוזנא, האט ער געהערט, אז דער רוב זענען מחלל שבת און געהן בליל שבת אין טעאטר. פאר דעם ליינען האט ער געבעטן, ער וויל זאגן עטליכע ווערטער: עס שטעהט אין דער גמרא, רוב גנבי־ישראל נינהו. איז דאס א גרויסע פליאה. נאר יעצט איז מיר פארענפערט. די גמרא זאגט, ווען א איד געהט אהיים שבת, באגלייטן אים 2 מלאכים. הייסט אז א איד געהט בליל שבת אין טעאטר, באגנבעט ער דעם אייגנטימער. ער האט גענומען נאר איין בילעט, און איז אריינגעגאנגען מיט 2 מלאכים.

קעה. א גדול האט אמאל געמאכט שבת א סעודה פארן עולם. האט איינער פארגעסן און האט אויפגעהויבן דעם לייכטער מיט די ברענענדי ליכט, כדי עס איבערטראגן אויף אנאנדערן טיש. זאגט אים דער גדול: ווי האסטו עס אזא עזות אראפנעמען דעם לייכטער פון מיין טיש? אז ער האט דעם לייכטער צוריק געשטעלט, האט אים דער גדול געזאגט, דו האסט פארגעסן, אז ס׳איז שבת. ווען איך שריי אויף דיר תיכף: ס׳איז שבת! וואלסטו פאר שרעק אראפ־געווארפן דעם לייכטער, און דו וואלסט עובר געווען אויף איסור כיבוי, וואס איז הארבער פון איסור טלטול, דערפאר האב איך דיך ניט דערמאנט תיכף פון שבת.

קעו. **כל האומר ויכלו בע״ש שני מלאכים מניחים ידיהם על ראשו ואומרים: וסר עונך וחטאתך תכופר** (גמרא שבת). ס׳שטעהט אין ש״ע דערפאר זאגט מען ויכלו שטעהענדיג, ווייל דערמיט זאגט מען עדות, אז השי״ת האט באשאפן די וועלט. דער דין איז, אז עדות טארן ניט זיין עוברי עבירה, ווייל אזעלכע איז עדותן בטלה. דעריבער זאגן די מלאכים: וסר עונך וחטאתך תכופר. דאס איז אויך די סיבה, וואס חז״ל זאגן, אז השומר שבת כהלכתו מוחלין לו, כדי זיין עדות זאל האבן א ווערט. דער טור ברענגט: פארצייטענס פלעגן פרומע מענשן טוען תשובה פרייטאג. צוליב דעם, אז זייער עדות מיטן רוהען שבת זאל זיין גוט און גילטיג (ברכת יצחק).

קעז. **ששת ימים תיעשה מלאכה וביום השביעי שבת.** אין די 6 טעג

פון דער וואך וועט די מלאכה זיך טוען ווי פון זיך, ווייל די ברכה וועט שורה זיין, מיט א תנאי, אויב די וועסט רוהען שבת (לב שמח).

## ו י ק ר א

קעה. **ויקרא אל משה וידבר אליו מאהל מועד לאמר.** דאס קול מן השמים וואס דער צדיק הערט ווען ער איז אליין, איז מיוחד צו אים, ניט צו זאגען אנדערע. דאס וואס ווערט אים נתגלה, ווען ער איז בתוך קהל ועדה. איז וועגן צו זאגן אנדערע (רבי ליבלי מגור).

קעט. **כי כל שאור וכל דבש לא תקטירו ממנו אשה לד'.** שאור און דבש סימבאליזירן די עקסטרעמיטעטן. יעדע עקסטרעמיטעט איז ניט געוויינשן, דער רעכטיגסטער וועג איז דער „שביל הזהב", דער דרך הממוצע די לאזונג פון לעבן דארף זיין דער פרינציפ פון „יהלך באמצע". נאר ווען מ'הויבט אן שאפן א נייע באוועגונג, א נייע יצירה, דאמאלס איז צומאל נויטיג חיצוניות, א עקסטרעמער דעוויז. קרבן ר א ש י ת תקריבו אותם.

קפ. **הכנענים אומרים: מהו כך שישראל מקריבין ומקטירין? א"ל הקב"ה זאת תורת העולה, מי זאת עולה, ומשה עלה אל הא'** (תנחומא). די אמת'ע כונה פון קרבנות איז נאר וועגן דער תועלת פון מענשן. השי"ת באדארף ניט די קרבנות. דער איד האט ניט געדענקט ביים ברענגען א קרבן, ווי אנדערע פעלקער האבן געמיינט, אז זייערע געטער האבן דערפון הנאה און ווערן דערמיט באפרידיגט. דאס אידנטום לערנט די מצוה פון קרבנות נאר אלס א מיטל, אז דער מענש זאל זיך דורך דעם אופהייבן. בשעת ער האט געבראכט דעם קרבן אין מקדש אריין, האט ער געהאט די מעגליכקייט און די התעוררות זיך צו קאנצענטרירן אין ריינע הייליגע געדאנקען. אפרייסענדיג זיך פון רעש'דיגן לעבן, האט ער זיך פארטיפט אין זיך אליין, אין זיין אינערליכעס וועזן. פון דעם מאמענט אן האט ער אנגעהויבן זיך צו בעסערן, אויפשטייגן און זיך אויסאיידלען דורך נייע דירעקטיוון און נייע אויפפירונגען, וואס ער האט פאר זיך געשטעלט מיט זיין אייגענעם פארשטאנד און געפיהל, און לויט ס'האבען אים געלערענט די כהנים.

קפא. **אם על תודה יקריבנו.** אין דער גמרא שטעהט „הקריב תודה שלא לשמה פסול" זאגט רש"י: שהתודה היא מיורדי הים. איז קשה וואס דארף רש"י אזוי זאגן, מיר ווייסן דאך אז מ'קאן ברענגען א תודה בנדבה אויך?

דער אמת איז, אז יעדער רגע זיינען פארהאן נסים, נאר ס'איז ווי די גמרא זאגט: אין בעל הנס מכיר בנסו. דער רבי פון קאצק ז"ל האט געזאגט: לעתיד וועט זיין א ספר פון אלע נסים, וואס זיינען מיט אונז געשעהן, אהן מיר זאלן וויסן פון זיי, וועט מען דאן ארויסזעהן אז אין יעדער רגע האט מיט אונז פאסירט נסים. דעריבער קען מען ברענגען א קרבן תודה בתורת נדבה, כאטש ער ווייסט

ניט אויף וואס פאר א נס ער ברענגט, אבער ס'איז דאך זיכער, אז ס'איז מיט אים געשעהן נסים. אין פאל אבער ווען ער איז פון די יורדי הים, דאמאלס דארף ער ברענגען א תודה אלס א חיוב ניט בנדבה, דאריבער אז ער ברענגט שלא לשמה איז פסול (רבי אברהם מסוכוטשוב).

## ש מ י נ י

קפב. **ויהי ביום השמיני, שמיני למלואים, הוא ר"ח ניסן שהוקם המשכן בו ביום ונטל עשר עטרות** (רש"י). הכל תלוי במזל אפילו ספר תורה שבהיכל. אפילו דער טאג איז אויך תלוי במזל. ס'איז פאראן א טאג וואס אין אים קומען פאר די גרעסטע און די שענסטע פאסירונגען. דער טאג, אין וועלכן ס'איז אויפגעשטעלט געווארן דער משכן, איז געוויס געווען מסוגל צו אלעס ערההובנס, ווייל דער משכן האט געהאט די פונקציע פון קאנצענטרירן און פאראייניגען, איינזאמלען און ארגאניזירן דאס פאלק, און דארט וואו ס'איז פאראן אחדות, איז ממילא דא אללעס גוטס.

קפג. **זה הדבר אשר צוה ד' תעשו וירא אליכם כבוד ד'.** אז דער מענש דערווייטערט זיך פון דרך הישר, און זינקט אין תאוות הגשמיות, פיהלט ער ניט די געטליכקייט. אלעס געטליכע האט ביי אים קיין שום חשיבות און באדייטונג. אבער אז איר וועט טוען, וואס גאט הייסט, וועט זיך פאר אייך ענטדעקן דער כבוד פון דער געטליכקייט.

קפד. **קרב אל המזבח. למה אתה בוש לכך נבחרת** (רש"י). אהרן האט געהאט עניוות ער איז בא זיך געווען שפל, דורך דעם האט ער זיך צוריקגעהאלטן פון דער עבודה אלס כהן גדול. אבער טאקע נאר דערפאר, וואס ער האט געהאט אזוי פיל שפלות רוח און בושה, איז ער אויסגעוועהלט צו דער כהונה (ר"י בעש"ט).

קפה. **וידם אהרן.** ס'זיינען פאראן טראגישע מאמענטן ווען דער מענש ווערט אונמעכטיג צו רעדן. דאס רעדן איז דער רעזולטאט פונם דענקען. אין א צייט פון א גרויסער קאטסטראפע ווערן די מחשבות טעמפ. חז"ל פאסן אויף אהרן'ס שוויגן אלס א פועל יוצא פון א העכערן דענקען, פון א איבערמענשליכער פארטיפונג אין דער אונבאגרייפבארקייט פון דער געטליכער פארזעהונג. דער פרינציפ פון „לית מחשבה תפיסא ביה כלל" האט אים געבראכט דערצו, ער זאל אלעס מקבל זיין באהבה און בלייבן גלייכגילטיג.

קפו. **יין ושכר אל תשת, הה"ד פקודי ה' ישרים משמחי לב** (מדרש). ס'איז קשה, פארוואס האט די תורה פארבאטן די כהנים צו טרינקען וויין? ס'איז דאך ידוע, אז וויין מאכט פרעהליך „ויין ישמח לבב אנוש" אין אזוי ווי דער כהן וואס טוט די עבודה דארף זיין בשמחה, וואלט ער געדארפט טרונקען?

דארויף זאגט דער מדרש: הה"ד פקודי ד' ישרים משמחי לב, ווי באלד זיי

זיינען מקיים די מצוה פון דעם אויבערשטן, אויסמיידענדיג צו טרינקען ווײן, איז די מצוה אליין זיי גורם שמחה און זיי נויטיגן זיך דערום ניט אין ווײן (הרב מפשיסחא).

## אחרי קדושים

קפז. **וכל אדם לא יהיה באהל מועד בבואו אל הקדש.** ווען דער כהן גדול איז אריינגעקומען אין בית המקדש, האט ער זיך געדארפט דערהויבן איבער יעדן מענשליכן געפיהל, איבער יעדן קערפערליכן און גשמיותדיגען סענטימענט. צוליב דעם האט ער זיך געדארפט אזוי פיל פארבערייטן און האבן א גרויסע הכנה פאר זיין אריינקומען לפני ולפנים.

קפח. ס׳איז פאראן אזעלכע וואס ווילן ניט געבן צדקה, ווייל זיי דארפן מפרנס זיין זייער פאמיליע און ס׳שטעהט ,איזהו עושה צדקה בכל עת? זה המפרנס בניו ובני ביתו כשהם קטנים׳. דארויף שטעהט: ואל יבא בכל עת אל הקדש. מיט דער טענה פון „בכל עת״ ווערט מען ווייט פון קדושה.

קפט. **אלה המצות אשר יעשה אותם האדם וחי בהם.** ס׳זיינען פאראן אזעלכע, וואס ביים לעבן זיינען זיי ווייט פון תורה און מצות, נאר ווען זיי האלטן שוין בא דער ענדע, ווילן זיי, אז מ׳זאל זיי לעגן לעבן א בן תורה מ׳זאל זיי מאכן א הספד. א אײדעלער מענש זאל נאך זיי זאגען קדיש און לערנען משניות וכדומה. דער עיקר איז אבער מ׳זאל ביים לעבן זיין מקושר צו תורה ומצות.

קצ. א איד איז אמאל געקומען צו ר׳ יהושיע בעלזער ז״ל און געזאגט אז ער וויל שטארבן ווי אנ׳ערליכער איד. האט אים דער רב געענטפערט: דער עיקר איז, דער מענש זאל וועלן לעבן ווי א ערליכער איד, ווייל שטארבן ווי א ערליכער איד האט דאך בלעם אויך געוואלט. ער האט געזאגט, תמות נפשי מות ישרים. לעבן האט ער געוואלט ווי אגוי און שטארבען ווי א איד. מ׳דארף לעבן ווי א איד און דאמאלס שטארבט מען ממילא ווי א איד.

קצא. **הוכח תוכיח את עמיתך ולא תשא עליו חטא.** ס׳זיינען פאראן 2מיני רעצעפטן: ביטערע און זיסע. די זיסע היילן אזוי ווי די ביטערע, נאר זיי זיינען פארפראוועט, אז דער חולה זאל זיי קענען נעמען און ניט פיהלן דאס ביטערקייט. אזוי דארפן די דברי תוכחה ומוסר זיין רוהיג און אנגענעם אז יענער זאל זיי מקבל זיין. די גמרא זאגט: אנכ״י, איז ר״ת א׳מירה נ׳עימה כ׳תיבה י׳היבה, נעימה הייסט אנגענעם, אז מ׳וויל יענעם לערנען ווי אזוי ער זאל זיך פירן, דארף מען אלעס זאגן מיט זיסע אנגענעמע רייד „תזל כטל אמרתי״.

קצב. **ואהבת לרעך כמוך.** יעדע זאך האט זיין פראבע, דורך וועלכן מען פריווט זי, צי זי איז עכט, ווי גאלד און זילבער. די פראבע מיט וועלכער מען

פריווט אויס א אידן איז „אהבת ישראל". ווייל אויף אזוי פיל וויפל א איד באזיצט ליבע צו אידן, אויף אזוי פועל אז ער א איד (ר׳ בונם מפשיסחא).

קצג. רבי שלמה ראדאמסקער האט זיך מתנצל געווען פאר רבי יחזקאל קאזמירער, אז דער גרויסער עולם וואס קומט תמיד צום אים איז אים מבטל פון תורה ועבודה. האט אים דער קאזמירער געזאגט, ס'שטעהט, איזהו חסיד שוטה? הרואה אשה טובעת בנהר ואיננו מצילה. איז קשה, ער מיינט דאך לשם שמים, ווארום ער וויל ניט קומען צו א שלעכטן הרהור ח"ו, פאר וואס הייסט ער חסיד שוטה? נאר דער אמת איז, אז אפילו ווען עס קומט אויס צו האבן א שטיקל היזק אין עבודה, דארף מען ניט קוקן דערויף און מציל זיין א נפש מישראל.

קצד. **לא יאמר אדם אי אפשי לאכול בשר חזיר, אלא אפשי, ומה אעשה ואבי שבשמים גזר עלי. שנאמר ואבדיל אתכם מן העמים להיות לי** (ספרא). דער איד דארף זיך געוואוינען ער זאל תמיד האבן פאקטישע פאזיטיווע מעשים צו ערפילן דעם רצון הבורא. אויב ער פארמיידעט זיך פון צו טון פאדשידענע איסורים, נאר ווייל זיין נאטור איז ניט נוטה דערצו און ער האט ממילא ניט קיין חשק צו דעם, איז דאס ניט מעהר ווי נעגאטיוועס. קומט די תורה און לערנט מיר זאלן אלעס מאכן פאר פאזיטיווע טאטן. אויב ער גלוסט און וויל יא טון ח"ו א איסור, נאר ער איז זיך מתגבר אויף דער תאוה צוליב דער מצוה, הייסט דאס שוין א פאזיטיווע פעולה (הרב ריינעס מלידא).

קצה. **והתקדשתם והייתם קדושים.** והתקדשתם איר זאלט אייך מאכן הייליג, איר זאלט זיך אנשטרענגען מיט אלע כחות איינצעמען דעם יצה"ר אין זיך הייליגן. והייתם קדושים,) וועט דער סוף זיין איר וועט טאקע ווערן הייליג. אדם מקדש עצמו מעט מלמטה, מקדשין אותו הרבה מלמעלה (רש"ז מליאדי).

## אמור

קצו. **אמור אל הכהנים בני אהרן. להזהיר הגדולים על הקטנים** (רש"י). דאס איז דער ערשטער פרינציפ, די גדולים ברויכן אוועקלעגן אלע זייערע כחות, סיי די פיזישע און סיי די רוחניות'דיגע כדי צו ערציהען די קטנים. דער נייער דור איז די גאראנטיע פאר אונזער קיום און עתיד. דאס איז געווען די מעלה און זכות פון אברהם אבינו „כי ידעתיו למען אשר יצוה את בניו ואת ביתו אחריו". יעדער דארף נאכטון און זיך אפלערנען פון אים. „הביטו אל אברהם אביכם". בפרט די כהנים, זיי זיינען ספעציעל נבחר געווארן וועגן דער מיסיע „יורו משפטיך ליעקב ותורתך לישראל".

קצז. **והכהן הגדול מאחיו.** דער רצון פון אויבערשטן איז, אז דער כהן גדול זאל אויסדערוועהלט זיין פון זיינע ברודער לויט זיין גרויסקייט ניט דורך דעם מלך, ווי ס'איז צום באדויערן פארגעקומען בימי בית שני

(רבי יונתן אייבשיץ).

קצח. **וקדשתו כי את לחם א' הוא מקריב כי קדוש אני ד' מקדשכם.** מען גיט אב יענעם כבוד דורך 2 סבות: מחמת מ'האט א צורך אין אים, אדער מצד א באזונדערער מעלה. ביי דעם כהן איז געווען דער חיוב אים מכבד זיין צוליבביידע טעמים (קרני ראם).

קצט. **וכי תזבחו זבח תודה לה'.** דער ענין וואס מ'האט געדארפט ברענגען א קרבן תודה אויף א נס, ווייל די גמרא זאגט: כל העושין לו נס מנכין לו מזכיותיו, האט ער געברענגט א קרבן, האט מען שוין ניט מעהר מנכה געווען פון זיינע זכיות. נאר בפשטות איז די כונה פון קרבן תודה צו ווייזן, אז ער איז ניט קיין כפוי טובה; אדרבה ער איז מכיר תודה צום אויבערשטן, און מיט דעם איז ער מפרסם ברבים די גרויסקייט פון השי"ת און זיין יכולת אלס כל יכול.

ר. דערמיט ערקלערט זיך דער טעם פון דער מצוה ביום ההוא יאכל לא ישאירו ממנו עד בוקר. דער קרבן תודה איז געווען א שור גדול און 40 חלות. כדי ס'זאל ניט איבערבלייבן, האט ער געדארפט צונויפריפן אלע זיינע באקאנטע. דורך דעס איז נתפרסם געווארן בפומבי דער כבוד שמים. (ר' יצחק שווייגער).

רא. **וספרתם לכם ממחרת השבת.** דער ענין וואס מ'צעהלט ספירה די טעג פון פסח ביז שבועות, ווייל די וועלט איז די צייט מיט זארג און צער, איבער די תבואות און פירות האילן. מ'ווייסט ניט ווי אזוי עס וועט געראטן. דעריבער צעהלט מען די טעג כדי צו געדענקען אין דעם צער העולם און תשובה טון און מתפלל זיין צום אויבערשטן, ער זאל רחמנות האבן אז די תבואות און פירות זאלן געראטן, ס'זאל זיין די ברכה אין אלעס (מהר"י קארו).

רב. **ועניתם את נפשותיכם.** אין די גרויסע שטעט איז דער מנהג, אז דער ראש הקהל האט דאם פלאץ ביים ארון קודש לעבן דעם רבי. אמאל אים יו"כ, האט זיך דער ראש הקהל זעהר פארשפעטיגט צו מוסף, ער האט געפראוועט א סעודה. ווען ער איז געקומען אין שוהל, האט ער געהאלטן אין איין בלעטערן דאס מחזור צו געפונען וואו דער חזן האלט, זאגט אים דער רב. איר זוכט אודאי דאס בענטשן. עס שטעהט ניט אין מחזור...

## בהר־בחקותי

רג. **את שבתותי תשמורו ומקדשי תיראו אני ד'.** דער זהר זאגט, אז שבת ברענגט ברכה דער וועלט. דאס זעלבע זאגט דער זהר אויך וועגן מקדש, אז דורך אים קומט די שפע און ברכה. קומט דאך אויס, אז שבת און מקדש האבן איין פעולה, וואלט מען זיך אין פלוג געקאנט באגעהן מיט איינעס פון זיי אליין? דעריבער זאגט די תורה, את שבתותי תשמרו ומקדשי תיראו, איר זאלט האלטען ביידע זאכן, ווייל מ'דארף נישט טון בלויז וועגן שכר און אייגענער הנאה, מ'דארף טון אלעס לשם שמים, אני ד', ווייל איך גאט הייס דאס טון. (כתר תורה).

רד. **וחרב לא תעבור בארצכם.** דער תרגום איבערזעצט: ודקטלין בחרבא לא יעידון בארעכון, דער טייטש איז דאך פארקערט? א חכם האט ערקלערט, אז ס'איז א טעות, ס'דארף שטעהן לאיעירון מיט א רי"ש, אזוי האט ער אויך געפונען אין א אלטן חומש, געשריבן אויף פארמעט, דער אמת איז אבער, אז דער שורש עדה אין תרגום בעדייטעט דורכפארן (ז. ישעיהו מ"ה י"ד, שם נ"א כ"ג, דניאל ג' כ"ח) (תולדת אדם).

רה. **הככר והמקל ירדו מכורכין מן השמים, אם שמרתם את התורה הרי ככר לאכול. ואם לאו הרי מקל ללקות** (מדרש). דער מדרש לערנט אונז, אז די שפע, וואס השי"ת איז משפיע די מענשן איז איינפאך, נאר ביים מענשן קאן זי זיין אדער א ברכה, אדער א קללה. דאס ווענדעט זיך אין דעם זכות פון מענשן. ביי עשירות איז פאראן „ברכת ד' היא תעשיר ולא יוסיף עצב עמה" און ס'איז פאראן, „עושר שמור לבעליו לרעתו". אזוי איז מיט יעדער זאך. ס'קאן זיין א ככר אדער א מקל. דעריבער בעטן מיר ביים סיום פון די תפלות פון יו"ט „לברכה ולא לקללה".

רו. **הככר והמקל ירדו כרוכים**, ס'איז פאראן אזעלכע וואס העלפן יענעם, אבער בשעת דעם געבן נעמען זיי אים ארויס דאס חיות און מוטשען אים מיט רייד. מען דארף ניט צונויפפארן דעם ככר מיט דעם מקל.

רז. **וישן מפני חדש תוציאו.** אויב ס'איז נאך דא פונם אלטן, פארוואס זאל מען דאס אוועקשטעלן צוליבן נייעם?

די תורה ווייזט אונז דערמיט די גרויסקייט און די מעלה פון דער השפעה אין דער צייט ווען אידן זיינען זוכה, אנשטאט איצט, וואס איז „אין לך יום שאין קללתו מרובה מחברו" איז דאמאלס פונקט דער היפוך. יעדן טאג איז די שפע און ברכה פון הימל מערער און העכער, דעריבער שטעלט מען אוועק דאס אלטע צוליב דעם נייעם, ווייל דער חדש איז דאך פון א גרעסערער השפעה און פון א העכערן מקור ברכה (רבי יונתן אייבשיץ).

רח. **ואם מך הוא מערכך.** א זונדיגער דארף פיל האבן. דער וואס האט דעם אמת'ן בטחון און מדת הסתפקות, פעהלט אים גאר ניט „ודורשי ד' לא יחסרו כל טוב". דאס מיינט דער פסוק, ואס מך הוא, אויב ער פיהלט זיך אריס און ס'פעהלט אים, נעמט זיך עס מערכך. פון דיין ערך און דיין מדרגה אין דער מדה פון בטחון און הסתפקות (צדיק אחד).

## נ ש א

רט. **איש את קדשיו לו יהיה, אשר יתן לכהן לו יהיה.** אלס אייגענס קען מען רעכענען נאר דאס וואס מ'איז דערויף תמיד שולט. די ערדישע פאר־מעגנס זיינען אבער ניט תמיד אונטער דעם מענשנס שליטה. ביים רייכסטען מענשן אין דער וועלט קומט אמאל א סוף צו זיין שליטה איבערן פארמעגן, כי

לא כמותו יקח הכל לא ירד אחריו כבודו. נאר די מאראלישע מעשים, די קדושה עובדות, זיינען תמיד דעם מענשנ׳ס אייגענטום.

רי. **נסמכה פרשת נזיר לפרשת סוטה, שכל הרואה סוטה בקלקולה יזיר עצמו מן היין.** דאס אידענטום האלט ניט פון עקסטרעמע פרישות. דער מענש דארף זיך ניט אפזאגן פון קיין שום זאך. ער מעג טרונקען ווייז צו שטארקן זיינע כחות אין באפעסטיגן זיין מוט. אויב אבער ער פילט אין זיך א שוואכקייט, א נטיה צו תאוות הגשמיות וואס קענען אים חלילה אראפפירן פון מאראלישן וועג, דאמאלס מוז ער זיך אפזאגן פון וויין וואס דערהיצט די פאנטאזיע און דערוואַרעמט די בלוטן, ביז ער וועט צוריק קומען צום גלייכגעוויכט.

ריא. **מאשר חטא על הנפש באיזה נפש חטא? שציער עצמו מן היין.** מ׳האט אמאל געפרעגט דעם בעש״ט, אונזערע עלטערן האבן אונז דער־צעהלט פון צדיקים אין די פריהערדיגע דורות, אז זיי פלעגן פראווען א סך סגופים און תעניתים, און איר זאגט גאר, אז מ׳דארף ניט קיין תעניות וסגופים?

האט ער געענפערט: איך בין געקמען לערנען די וועלט 3 זאכן: אהבת ד׳, אהבת תורה און אהבת ישראל. ווער ס׳איז זיך מתדבק אין די 3 זאכן באדארף ניט קיין סגופים.

ריב. דער קדושת לוי פלעגט זאגן, סגופים און תעניתים זיינען מפתויי היצר. דער יצה״ר רעדט אן דערצו כדי אפשוואכען דעם מוח. 2 מענשן האבן אמאל געהאלטן מלחמה האט דער קליגער געטראכט, אז איך וועל אים שלאגן אין איין אבר, וועט ער דאך גובר זיין מיט די אנדערע אברים, איך וועל אים בעסער שלאגן אויף דעם מוח, וועט ער שוין זיין אינגאנצן פארלוירן.

ריג. **יברכך ד׳, בממון וישמרך מן המזיקין.** דער חתם סופר פלעגט פארטיילן די בחורים פון זיין ישיבה צווישן די בעלי בתים. איינער וואס האט ניט געוואלט, מחזיק זיין תלמידי חכמים, איז געקומען צום חת״ס און געזאגט: דער בחור איז א בחור אהן א ח׳. ד. ה. א בור, האט אים דער חת״ס געזאגט, א בחור אהן א ח׳ טוט לכל הפחות קיינעם קיין שלעכטס ניט, א בעל בית אהן א חית ווערט א מזיק. א איד דארף זיין אמחזיק ת״ח. אהן א ח׳, איז ער א מזיק.

ריד. **כה תברכו. לברך את עמו ישראל באהבה.** די ברכה פון די כהנים האט פועל געווען נאר דאן ווען די אידן האבן געהאט צווישן זיך אהבה ואחוה (רבי יצחק שווייגער).

## בהעלותך

רטו. **בהעלותך את הנרות שתהא שלהבת עולה מאליה** (רש״י). ביי דעם חינוך פון יונגע קינדער דארף מען זעהן, אז דער הייליגער ניצוץ, דער הייליגער פייער וואס מ׳האט אנגעצונדן אין זייערע הערצער זאל זיין בבחינת עולה מאליה. ס׳זאל ניט זיין פראוויזאריש וואס קאן האלטן נאר וויפל דאס קינד

שטעהט אונטער דיין השפעה, דער רגש הקודש דארף זיין אזוי צופלאקערט אז ער זאל שוין זיין עולה מאליה, קיין שום ווינט זאל אים ניט פארלעשן.

רטז. **ויעש כן אהרן להגיד שבחו של אהרן שלא שינה** (רש"י). וואס פאר א חידוש איז, אז אהרן האט ניט משנה געווען דעם באפעהל פון השי"ת?

די כונה איז, אהרן איז ניט נתפעל געווארן פון דער עבודה. ער האט ניט באקומען קיין גאוה דורך דעם וואס מ'האט אים אויסגעוועהלט דערצו. ער איז געבליבן דער זעלבער עניו און שפל רוח וואס פריעהער. עס איז אין איהם קיין שום שינוי ניט געווארין (רבי בונם מפשיסחא).

ריז. **איש איש כי יהיה טמא לנפש או בדרך רחוקה, ועשה פסח לד' בחדש השני.** אויב א מענש ווערט אין זיין יונגט אין די ערשטע און שענסטע יארן פון זיין לעבן אראפגעפירט פון גלייכן וועג, אדער ער האט געהאט א שוואכקייט און ניט געקאנט צוקומען צום דרך הטוב, זאל ער זיך ניט מייאש זיין. כל זמן ער לעבט, קאן ער נאך מתקן זיין, דעריבער האט אחכם געזאגט: איידער מיר זאלן זארגן אויף מארגן, לאמיר בעסער פאררעכטען פון נעכטן...

ריח. **ויהי בנסוע הארון ויאמר משה: קומה ד' ויפוצו אויביך.** דער מנהג איז בשעת קריאת התורה מאכט מען נדרים פאר א"י, פאר רבנים און אלע אידישע אינסטיטוציעס, דערפאר אז ס' קומט פאר קריאת התורה געהען ארויס פון שול אלע וואס ווילען ניט מנדר זיין. דאריבער ווערט געזאגט בפתיחת הארון, קומה ד' ו י פ ו צ ו אויביך כו'. נאך דעם ליינען קומען שוין אלע אריין צוריק אין שוהל, זאגט מען: ש ו ב ה ה' רבבות אלפי ישראל, (גאון אחר).

ריט. אין דייטשלאנד שטעהען מיט עמידות ביי דער תורה די פרעזידענטן פון שוהל. ס'טרעפט א סאך מאל אז זיי זיינען פון דור תהפוכות און קערן זיך גאר ניט אן מיט דער תורה.

א גאון האט געזאגט, די נוניז הפוכין פאר ויהי בנסוע וואס איז א ספר בפני עצמו איז א פליאה, אבער אז איך טו קוק אויף די 2 בעלי עמידות פון ביידע זייטן ביי דער תורה פארשטעה איך דעם רמז...

רכ. **והאיש משה ענו מאד.** אין ווארט ענו פעהלט די יוד. משה האט זיך געהאלטן אזוי קליין און אזוי שפל, אז ער האט גערעכענט, ער איז ווייט פון צו זיין א יוד. רבי משה קאברינער פלעג תמיד בעטן: רבש"ע! העלף מיר זיך מגייר צו זיין, ער פלעג זאגן, ווען איך בין זיכער אז ביי מיין קומען אויף יענעם עולם, וועט מען אויסרופן, אט קומט א איד! וואלט איך שוין פרעהליך געווען.

## שלח

רכא. **שלח לך אנשים.** זש"ה כחומץ לשינים וכעשן לעינים כן

העצל לשולחיו (מדרש). ס׳איז א פליאה: עסיג איז דאך אמאל גוט פאר די ציין? דער אמת איז טאקע אזוי. דער מדרש וויל אבער דערמיט זאגן, אז אמאל איז נוצליך דאס עצלות פון שליח, ער זאל זיך ניט איילן צו טון דאס שליחות און ניט אנברענגען דערמיט א צרה, אנשטאט וואס דער משלח מיינט ס׳איז לטובה. ווען די מרגלים זאלן געווען האבן עצלות און ניט דורכפירן די שליחות, וואלט געווען מעהר טובה פאר זיי און פאר די אידן (המגיד מדובנא).

רכב. ויקרא משה להושע בן נון יהושע. יה יושיעך מעצת מרגלים (רש״י). כלב האט זיך געפירט פאליטיש, ער האט באהאלטן זיינע געדאנקען, אזוי אז מען האט ניט געקענט וויסן זיין מיינונג וועגן דער דאזיגער פראגע, איז פאר אים ניט געווען וואס מורא צו האבן. דאגעגן יהושע, איז געווען גענויגט צו זאגן דעם אמת ריין און אפן. אזא מענש געפונט זיך אין א סכנה מ׳זאל אים ניט מזיק זיין איבער זיינע היפוכ׳דיגע מיינונגען. דעריבער האט משה געפונען פאר נויטיג מתפלל זיין פאר אים ער זאל ניצול ווערן מעצת מרגלים (הרמ״ה).

רכו. וכל העם אשר ראינו בתוכה אנשי מדות. זיי האבן געזאגט פאלש, אז די דארטיגע איינוואוינער זיינען ארענטליכע מענשן מיט מדות טובות, כדי דאס זאל זיי אפהאלטן פון געהן פירן מלחמה געגן אזעלכע מענשן (פני אריה).

רכד. ארץ אוכלת יושביה היא. אין א״י קען מען קיין יושב ניט זיין, מען מוז זיין א מהלך. מ׳זאל זיך אלע מאל אויפהייבן צו העכערע מדרגות (הרבי מווארקע).

רכה. די וועלט חידושט זיך, וואס איז אזוי געוועהן גרויס דער חטא פון די מרגלים, זיי האבן דאך געזאגט נאר אמת לויט דער רעאליטעט?

וועגן ארץ ישראל, אזוי האט א גדול געזאגט, דארף מען קיינמאל קיין שלעכטס ניט זאגן, נאר גוטס, די אהבה צום הייליגן לאנד דארף פארדעקן אלע פעהלערן, מכריע זיין אלע חסרונות, אזוי אז מ׳זאל אלעס אננעמען פאר מעלות.

רבי וסף שאול נטינזון ז״ל זאגט, דער וואס וויל זיך פירן בדרך הטבע, לאזט אים השי״ת אויף די דרכי הטבע. הגם די מענשן פון כנען זיינען געווען ענקים, האבן זיי געדארפט האבן אמונה און בטחון, אז השי״ת וועט זיי העלפן למעלה מהטבע. מיט זייערע רייד האבן זיי אבער ארויסגעוויזין אז זיי רעכנען זיך נאר מיט די דרכי הטבע, איז שוין מעהר ניט געווען מעגליך זיי זאלן גובר זיין אלע נאטירליכע שוועריגקייטן און אריינקומען לארץ למעלה מהטבע.

רכו. וארון ברית ד׳ ומשה לא משו מקרב המחנה. צו דער גאולה, צום אופישטייגן קיין א״י, איז נויטיג די תורה, משה און די רעליגיע. אהן זיי, האט די עליה קיין ערפאלג. דאס איז געווען די פרינציפיעלע סיבה פון דעם גרויסן דורכפאל אין יענעם מאמענט. דער פאקט פון די מעפילים דארף דינען אלס אביישפיל פאר אלע צייטן.

רכז. ועשו להם ציצית על כנפי בגדיהם. די ציצית האט מען געגעבן

ביים ברעג פון מלבוש. אזוי אויך די מזוזה בא דער טיר. דאס איז א רמז פארן מענשן ער זאל תמיד זיך פארשטעלן אז ער האלט נאך ביים ברעג, ביים אנהויב. און ווייל די עדת קרח האבן זעהר פיל געהאלטן פון זיך, און געדענקט אז זיי זיינען בתכלית השלימות, דעריבער האבן זיי אנגעטון טליתות שכולם תכלת, דערמיט ערקלערט זיך דער סמיכות הפרשיות (פני אריה).

## קרח

רכח. ויקח קרח. קרח האט זיך אליין געוואלט נעמען, דערפאר האט עס נישט געטויגט (רבי בונם מפשיסחא).

רכט. א דרשן איז אמאל געקומען אין א שטאט אויף איינעם פון די ווינטער שבתים, האט מען אים דערצעהלט אז ס'איז דארט א גרויסע מחלוקת, אום ער זאל זיי מוסר'ן דארויף. האט ער שבת אנגעהויבן זיין דרשה אזוי, ס'שטעהט „ויקח קרח", איר וועט דאך פרעגן וואס פאר א שייכות האט קרח צו היינט? דארויף זאגט רש"י פרשה זו יפה נדרשת, די פרשה קאן מען תמיד דרשנען, זי פאסט צו יעדער צייט. ווייל מחלוקת איז תמיד פאראן.

רל. מה ראה קרח לחלוק על משה? פרה אדומה ראה, ער האט געזעהן אז בא דער פרה אדומה פארלאנגט זיך זי זאל זיין תמימה אשר אין בה מום, דארף דאך א מענש אודאי זיין אהן א שום פעהלער. מ'זאל אים גארניט געפונען קיין קריטיק. ער האט אבער געהאט א טעות. ווייל א מענש אהן א חסרון קאן ניט זיין, כי אדם אין צדיק בארץ אשר יעשה טוב ולא יחטא.

רלא. ויקח קרח ואתפליג קרח (תרגום). דער מענש דארף זעהן, ס'זאל זיין שלום אין זיין אינערליכקייט צווישן גוף ונשמה.. דער חומר הבהמי זאל ניט זיין אין שטרייט מיט דעם נפש השכלית. ווען עס עקזיסטירט שלום ביים מענשן אינערליך, האט ער אויך שלום אין זיין סביבה, און לעבט פאראייניגט מיט יעדן. דארויף איז מרמז דער מאמר פון ירושלמי: בקש שלום ורדפהו, בקשהו ממקומך ורדפהו ממקום אחר.

דאס ערקלערט דער תרגום, די סיבה פון קרח'ס מחלוקת איז געווען, וואס עד איז געווען אינערליך אין זיך, צוטיילט. עס איז אין אים אליין ניט געווען קיין אחדות (אפיקי יהודה).

רלב. אל תפן אל מנחתם. לא חמור אחד מהם נשאתי. ס'איז א פלא. קיין אנדער שבח האט שוין משה נישט געהאט?

דער מדרש זאגט, אז קרח האט געהאט א טעות און זיך ארייגעלאזט אין מחלוקת קעגן משה'ן, מיינענדיג אז דער זכות פון שמואל וואס וועט ארויסקומען פון אים וועט איםביישטעהן. מיר געפינען, אז שמואל האט זיך אויסגעטענה'ט, את שור מי לקחתי ואת מי רצותי כו'. דעריבער האט משה דערמאנט דוקא די מעלה, וואס איז פונקט ווי די מדה פון שמואל'ן (ווי העמודים פרק כ"ו).

רלג. **עתיד אליהו להעמיד להם לישראל מקלו של אהרן, שקדיו ופרחיו** (מדרש). ס'זיינען פאראן פארשידענע דרכים ווי איינצושטילן די תלונות פון די רעוואלטירטע: דורך באשטראפן שווער די מתלוננים ,אזוי ווי ביי קרח'ן, אדער, דורך געטליכע באווייזן אויף דער אויסדערוויילטהייט פון די מנהיגים. אין די צייטן פון אליהו, פון אחרית הימים וועלן ניט באנוצט ווערן קיין שטרענגע מעטאדן, עס וועלן נאר פארקומען איבערצייגונגען אויף דער הייליגקייט און דערהויבנקייט פון די מנהיגים.

רלד. **ברית מלח**, זאלץ הייסט מלח, ווייל זי איז צוזאמענגעמישט פון 2 היפוכ'דיגע יסודות, פייער און וואסער. דער רוב פון המון איז עוסק אין גשמיות, די כהנים זיינען אויסדערוועהלט זיך צו באשעפטיגן נאר מיט רוחניות. דערפאר האבן זיי ניט גענומען קיין נחלה אין לאנד. דאס פאלק איז אבער געווען מחויב זיי געבן 24 מתנות כהונה וואס זיינען אויסגערעכנט אין דער פרשה, כדי זיי זאלן האבן דאס נויטיגע וועגן די חיי הגוף. דורך די פארשידענע התחייבות'ן פון פאלק און כהנים איז געווען צווישן זיי א פארבינדונג, ס'איז פאראייניגט געווארן גשמיות מיט רוחניות, 2 עקסטרעמען, אזוי ווי אין זאלץ זיינען פאראייניגט 2 עקסטרעמע עלעמענטן, דאס איז דער רמז פון ברית מלח.

(הכתב והקבלה).

## ח ק ת

רלה. **זאת חקת התורה אשר צוה ד' לאמר**. אפילו די מצות, וועלכע האבן א טעם שכלי, דארף דער איד מקיים זיין ערנסט, מחמת חק המלך, כדי אז ס'וועט קומען א מתחכם און אים אויפקלערן, אז דער טעם פון א געוויסער מצוה איז היינטיגע צייטן מעהר ניט בארעכטיגט, זאל ער צוליב דעם ניט מבטל זיין די מצוה, נאר ער זאל זי טוען אלס חק, אהן א שום טעם, אזוי ווי די מצוה פון פרה אדומה (פני אריה).

רמ. **אדם כי ימות באהל. אתם קרוין אדם ואין אוה"ע קרוין אדם** (ב"מ קי"ד). די מענשליכע געזעלשאפט ענטהאלט 3 קאטעגאריעס: איש, עבד, אדם. — „איש" הייסט א הערשער, א אדון, אישי כהן גדול. „עבד" איז אזעלכער, וואס איז משועבד צו אנדערע. „אדם" באדייט א איינפאכער מענש. ניט קיין הערשער און ניט קיין קנעכט. די תורה רופט דעם ערשטן מענש „אדם" און ניט „איש". ווייל ער איז ניט געווען משועבד צו אנדערע און אנדערע זיינען ניט געווען משועבד צו אים. אין מיטלאלטער האבן עקזיסטרט ביי די אומות העולם נאר 2 קאטעגאריעס, דאס רוב זיינען געווען, די פארקנעכטעטע, אין אמיעוט טיראנישע מושלים. די קאטעגאריע פון „אדם" האט זיך דאמאלס ביי זיי ניט געפונען, נאר בא אידן (הרב עמיאל).

רמא. אין וואס איז באשטאנען דער חטא פון משה'ן ביי די מי מריבה?

דערויף זיינען פאראן פארשידענע מייגונגען. דער רמב"ם זאגט, אז דער חטא איז באשטאנען דערין, וואס ער האט ארויסגעוויזן כעס און רגזנות. דער רמב"ן האלט, אז דער חטא איז, וואס ער האט געזאגט המן הסלע הזה נוציא לכם מים? ער האט געדארפט זאגן, המן הסלע יוציא ד' לכם מים? כדי מייחס זיין די פעולה צו השי"ת ניט צו זיך. מעהר אינטערסאנט און באלערנד איז די מיינונג פון מהר"י אלבו אין „העקרים". ער זאגט, דער פעהלער איז באשטאנען אין דעם פאקט וואס משה האט זיך געפונען אין א מצב פארלויריענקייט און אונבאהאלפענ־קייט. א נביא און א מנהיג דארפן זיין שטארק אין גייסט און אין דער דעה, קאנסעקווענט און ענטשלאסן, תמיד פול מיט זיכערהייט, מיט בטחון און אמונה אין דעם ערפאלג פון זיין ווארט, ותגזר אומר ויקם לך. אזוי האבן זיך אויפגעפירט אליהו און אלישע און אלע נביאים. אז דער נביא איז ניט פעסט און גייסטיג שטארק, איז ער גורם אפשוואכן און פארמינדערן די אמונה „יען לא האמנתם בי להקדישני"...

רמב. **וראה אתו וחי.** אין ראייה איז פאראן 2 בחינות: ס'איז פאראן ראיה גופנית, דאס אויג זעהט די צורה און מראה פון א זאך, אבער די מחשבה און שכל פיהלן עס ניט, ווייל די מחשבה איז פארנעמען און פארטיפט אין עפעס אנדערש. אז די מחשבה איז אויך אריינגעטון אין דעם, דאמאלס זעהט ער דאפעלט: ראיה גופנית און ראיה שכלית. כדי דער מענש זאל האבן די רפואה דורך דעם נחש הנחושת, האט ער געדארפט קוקן און זעהןביידע ראיות, מיט אויג און געדאנק (הרב מקעניגסבורג).

רמג. **ויפשט משה את אהרן את בגדיו.** דאס שטארבן, לויט דער מיסטעישער אנשויאונג איז נאר אמין פושט צורה ולובש צורה, דאס לעבן ציהט זיך ווייטער פארווערטס, נאר אין אנ'אנעדר פארם.

רמד. רבי מנדיל מקאצק ז"ל האט געזאגט, דאס שטארבן איז גאר נישט. מען געהט פון איין שטוב אין א אנדערע שטוב. מ'קלויבט זיך אויס א שענערע שטוב...

## בלק

רמה. **לא הביט און ביעקב ולא ראה עמל בישראל.** דער אויבעשטער קוקט ניט אויף דעם שלעכטס וואס אידן טוען אמאל ח"ו דורך א מכשול, נאר ווען איז אזוי? אז ד' אלקיו עמו, ווען גאט איז מיט אים, ותרועת מלך בו, און דאס חבר'שאפט און דבקות (מלשון ריעות) אין דעם מלך עליון איז בא אים (הר"מ מקאצק).

רמו. די אומות האבן געמיינט, אז דער כח פון משה רבינו ליגט אין דעם, וואס ער איז א גוטער רעדנער, האבן זיי גערופן צו הילף געגן אים בלעם'ן,

וועלכער האט אויך געהאט א גרויסן כח בפה, האט זיי דער אויבערשטער געוויזן, אז אויב רעדן, קאן א אייזל אויך רעדן...

רמז. **אל מוציאם ממצרים כתועפות ראם לו.** ראם איז א גרויסע ריזיגע חיה, בא וועלכער ס'ווייזן זיך ארויס צוויי וויכטיגע אייגענשאפטן: זי איז געוואלדיג גרויס און שטארק און אייגעשפארט מיט עקסטרעמער עקשנות צו באקומען איר באדערפניש, צוזאמען מיט דעם איז זי א דאנק איר גרויסקייט, שווער באוועגליך, און טוט אלעס במתינות, געלאסן און רוהיג. אט די 2 אייגענשאפטן דארפן אידן באזיצן בעת זיי קומען בויען זייער היים און גרינדן א אייגן לאנד. מ'דארף זיין שטארק און איינגעשפארט צו רעאליזירן דעם אידעאל פון בנין הארץ וגאולת העם, אבער מ'זאל אלעס טון מיט ישוב הדעת. מיט חשבון און איבערגעבנהייט.

רמח. **הן עם לבדד ישכון.** הן איז לשון הנאה „דין הניין לו". די הנאה פון פאלק איז ווען ער קאן זיין אפגעזונדערט. ובגויים, אויב איינער אסימילירט זיך גענצליך מיט זייע מעשים און אופפירונגען צווישן די פרעמדע פעלקער „לא יתחשב" ווערט ער דורך דעם ניט מעהר בחשיבות בא זיי. די אומות האבן פיינט דעם אסימילירטן פונקט ווי דעם רעליגיעזן און אמאל נאך מערער (אחרונים).

רמט. **כל מקום שנאמר וישב אינו אלא לשון צער, ויושב ישראל בשטים מה כתיב ויחל העם לזנות** (סנהדרין ק"ו). ס'איז א פלא, דאסווארט וישב באדייטעט נאר רוהיג זיצן, ווי ס'ווערט געזאגט „וישב יעקב ביקש יעקב לישב בשלוה"?

דער אמת איז, אז כדי דער מענש זאל פירן א מאראליש לעבן. זיך ניט ארייננלאזן אין תאות העולם און ניט זינקען אין דעם שמוץ פון תענוגי הזמן, איז וויכטיג ער זאל געדענקען, אז דאס לעבן פון מענשן אויף דער וועלט איז ניט קיין אייביגקייט. דער מענש איז דא ניט מעהר ווי א גר, א פרעמדער גאסט, א אורח געקומען אויף א ווייל, באלד קאן ער נאך באקומען ח"ו דעם אומגעוואונשענעס אורדין „צא".

דוד המלך, וועלכער איז געוועזן דער סימבאל פון גערעכטיגקייט האט דערפאר געזאגט, כי גר אנכי עמך. גר אנכי בארץ. אויב מ'נארט זיך אליין אפ און מ'מיינט אז מ'איז א תושב, מ'וויל האלטן פון וישב, צו זיצן בשלוה און פארגענוגן האבן פון דער וועלט און פונם לעבן, קאן מען חלילה אראפבלאנזען פון דרך הישר.

רנ. **ויחל העם ויצמד ישראל.** דער אנהויב איז תמיד פון די שוואכע עלעמענטן וואס געפונען זיך אין פאלק. פון זיי ווערט דאס שלעכטס פארשפרייט ווייטער. עס גרייכט ביז צו די בעסערע שיכטן פון ישראל. דער כח פון השפעה איז גרויס. עס איז אזוי די טבע פון מענשן צו ווערן באאיינפלוסט בלא יודעים פון אנדערע.

## פ נ ח ס

רנא. **לכן אמור הנני נותן לו את בריתי שלום.** בדין הוא שיקח שכרו (מדרש). דער דובנער מגיד פרעגט, ווי קומט עס, וואס משה רבנו, וועלכער האט די אידן פיל מאל פארטיידיגט און זיך אוועקגעלעגט זיי מציל צו זיין פון גזירות קשות דורך זיינע מליצות, האט דער אויבערשטער אים ניט געגעבן קיין שכר. און פנחס האט פאר איין מאל באקומען אזא שכר?

דער תירוץ איז: משה רבנו האט פארטיידיגט דאס פאלק ווי א מליץ, ווי א גוטער אדוואקאט. דעם אדוואקאט באצאלט דער וועלכן ער פארטיידיגט. פנחס אבער האט געטון מעשה דיין ושופט, ער האט עקזעקוטירט דעם אמת'ן דין ומשפט, דעם שופט ווערט באצאלט פון מלוכה אוצר (מעורכי אדם).

רנב. **יפקוד ד' איש על העדה.** דער גורער רבי ז"ל האט געזאגט, מ'זאל ניט מיינען, אז א דור מיט גרויסע מדרגות דארף האבן א גרויסען מנהיג און א קליינעם דור איז גענוג א קליינער מנהיג. ס'איז דער היפוך. וואס דער דור איז קלענער און שפלדיגער נויטיגט ער זיך אין א גרעסערן מנהיג. אזוי ווי א חולה וואס ער איז מעהר מסוכן, אלץ א גרעסערן דאקטאר דארף ער.

רנג. **איש על העדה.** דער מנהיג דארף זיין מענשליך, ניט ווי א מלאך, פארטיפט תמיד נאר אין די עולמות עליונים, פארשלאסן אין זיך און אפגעזונדערט פון מענשן.

רנד. **על העדה.** דער מנהיג באדארף זיין אנערקענט אלס א העכערער פונם פאלק. אויב מ'קוקט אויף אים ווי אויף א גלייכן, קען ער קיין שום אויטאריטעט ניט האבן און גארניט משפיע זיין.

רנה. **אשר יצא לפניהם ואשר יבא לפניהם ואשר יוציאם ואשר יביאם.** אז דאס מלכות איז ח"ו גוזר א שלעכטע גזירה, זאגט מען ס'איז ארויס־געגאנגען א גזירה. אז דאס מלכות גיט עפעס הנחות, זאגט מען ס'איז אנגעקומען א הנחה. דאס האט ער געבעטן א מנהיג וואס זאל קאנען פועל זייןביידע זאכן כרצונו. ולא תהיה עדת ד' כצאן אשר אין להם רועה, דאס ווייס איך זיכער, אז אהן א מנהיג וועלן זיי ניט זיין, נאר איך וויל זיי זאלן האבן א גוטן מנהיג (הרב ממאגליניצא).

רנו. **כצאן אשר אין „להם" רועה.** דער פאסטוך פאשעט די שאף ניט וועגן זייער תועלת, נאר וועגן זיין נוץ. דער מנהיג ישראל אבער דארף מיינען נאר טובת ישראל ותועלתם, ניט זיין נוץ.

רנז. פארוואס האט משה דאס געבעטן דא און ניט פאר זיין שטארבן וואס איז געשריבן אין פ' ברכה? — אז משה רבינו האט געזעהן ווי השי"ת זאגט צו פנחס'ן „הנני נותן לו את בריתי שלום", דערפאר וואס ער האט געהרגעט זמרי'ן האט ער ניט געוואלט ווארטן, נאר ער האט תיכף געזאגט: אל אלקי

הרוחות, די ביזט דאך דער גאט פון אלע גייסטער, פון אלע צייטן, ווייסטו דאך וואס פאר א מיני דורות ס'וועלן קומען, שטעל זיי א מנהיג וואס זאל קאנען דולדן, אשר יצא לפניהם כו', ניט אזעלכען וואס אז ער וועט זעהן איינער טוט א עבירה, וועט ער נעמען א שפיז אין הרגענען (גאון אחד).

רנח. **אבינו מת במדבר והוא לא היה בעדת קרח.** צו וואס האבן זיי אים דאס געדארפט דערצעהלן? די בנות צלפחד האבן אים געוואלט צוציהען מיט חנופה, ער זאל זיך אננעמען זייער קריוודע, האבען זיי אים געזאגט, אז זייער פאטער איז געווען פון זיין צד און געהאלטן מיט אים ניט מיט קרח'ן, משה האט דאס פארשטאנען האט ער שוין ניט געוואלט משפט'ן דעם דין, אפשר האבן זיי שוין מיט די רעד אפגעקויפט זיין דעה נוטה זיין צו זיי שלא כדין, דערפאר ויקרב משה את משפטן לפני ד' (הרי"מ מגור).

## מ ט ו ת־מ ס ע י

רנט. **ככל היוצא מפיו יעשה.** דער דבור איז די קרוין און צירונג פון מין האנושי, דעריבער דארף דער דבור זיין ביים מענש חשוב און טייער, ער זאל אים פארווענדן נאר אויף אמת און מאראל. אויב דער מענש פירט זיך תמיד אזוי, קאן זיין דבור נתעלה ווערן צו א מדרגה פון ע ש י ה, ווי ביי דער געטליב־קייט, בדבר ה' שמים נ ע ש ו.

רס. **גדרות צאן נבנה למקננו. א"ל משה: לא כן עשו העיקר עיקר, והטפל טפל** (רשי"). ס'איז קשה, רש"י האט געקאנט שרייבן בקיצור, עשו העיקר תחלה? נאר דער ענין איז, ס'איז פאראן שוטים וואס זיינען מהפך דעם טפל פאר א עיקר, בא זיי איז דער טפל א עיקר און דער עיקר א טפל, דערפאר זאגט רש"י: עשו העיקר עיקר והטפל טפל, מ'זאל ניט איבערקעהרן (רבי יחזקאל מקאזמיר).

רסא. **נחנו נעבור חלוצים.** ס'האט דאך געדארפט שטעהן אנחנו? דערפאר פעהלט דא די א', ווייל ניט אלע זיינען געגאנגען מיטהעלפן, נאר די גבורי החיל, ווי משה האט געזאגט ועבר לכם כל חלוץ. אויף דעם ארט האט משה געזאגט ונחנו מה, ווייל צוליב זיין ענוות האט ער ניט געוואלט כולל זיין אלע מענשן אז זיי זיינען גארניט, אפשר איז צווישן זיי יא דא העכערס און חשובערס. אזוי האבן די שבטים געזאגט כלנו בני איש אחד נחנו, ווייל ס'האבען געפעהלט יוסף און בנימין. פון דעם שטאנדפונקט ערקלערט זיך אויך דער פסוק נחנו פשענו ומרינו, שולל צו זיין דעם כללות ישראל, דען ס' האבן זיך געפונען צדיקים וואס האבן ניט געזינדיגט (רמ"א).

רסב. **בני גד ובני ראובן שהיו עשירים והיה להם מקנה גדול חבבו את ממונם וישבו להם חוץ לארץ ישראל, לפיכך גלו תחלה מכל השבטים** (מדרש רבה). ישוב ארץ ישראל דארף שטעהן העכער פון אלע אינטערעסן.

אויב ס׳האנדלט זיך וועגן דער דאזיגער פראגע, דארף מען זיך ניט רעכענען מיט קיין שום זאך. אויב יעדער וועט נאר ווען טראכטן ווענגן זיך אליין און ניט ווענן פאלק און לאנד, וועלן די לעצטע תמיד זיין חרוב און פארלאזט. פארצייטיגע צדיקים האבן ניט געוואלט בויען הייזער אין חוץ לארץ, ס׳זאל זיי ניט צובינדן צום גלות, און נשתקע ווערן לדורות אין דער פרעמד.

רסג. **עד מות הכהן הגדול.** דער שולד פון הורגי נפש איז ניט גלייך בא יעדען. יעדער ווערט פארמשפט לויט זיין חטא. איינעם קומט א יאר, אנ׳אנדערן 2 און א 3 טן נאך מעהר. און כפי קיין מענש קאן ניט וויסן פונקטליך וויפל יעדן הורג קומט צו ליידן גלות, האט מען דאס לויט דעם חוק פון דער תורה געלאזט אויף דער צייט עד מות הכהן הגדול. די השגחה עליונה האט שוין באזארגט מיט דעם, אז קיינער זאל ניט זיין קיין גולה נאר וויפל ער איז באמת חייב גלות, והאלקים אנה לידו (רש״י).

## ד ב ר י ם

רסד. **אלה הדברים אשר דבר משה אל כל ישראל.** אלעס וואס משה האט גערעדט, איז געווען נוגע אל כל ישראל (רבי בונם מפשיסחא).

רסה. **וידועים לשבטיכם.** דאס ווארט „וידועים״ איז געטייטשט אויף מערערע אופנים. וידועים איז טייטש אזעלכע וואס באזיצן דעת. עס קען אויך געמיינט זיין, באוואוסטע און אנערקענטע. ווייל אלס ראש דארף זיין נאר אזעלכער, וואס דער צבור דערקענט אים פאר אויס געצייכנט און ווירדיג דערצו „אין ממנין פרנס על הצבור אלא אם נמלכין בצבור״. דער רמב״ם טייטשט וידועים באליעבטע, פון לשון כי ידעתיו.

רא. **ויחפרו את הארץ. לא נתכונו אלא לבושתה של א״י.** כתיב הכא ויחפרו וכתיב התם והחפרה הלבנה (סוטה ל״ד). ס׳איז א חלוק צווישן תור און חפירה. תור הייסט ווען מען געהט באטראכטן דעם מהות און אייגענשאפט פון א לאנד אהן א שום פאראורטייל. חפירה הייסט ווען מ׳געהט פון אנהויב אויסקוקן מיט א שלעכטן ציל. כדי צו געפונען פעהלער און קענען קריטיקירן און אנווייזן די חסרונות. דעריבער שטעהט אין פ׳ שלח ויתורו, אבער דא, נאכדעם וואס ס׳האט זיך ארויסגעוויזן זייער שלעכטע כונה און ער זאגט זיי מוסר דערויף, באנוצט ער לשון חפירה (תלפיות).

רסז. **נזורו אחור.** א מענש דארף תמיד געהן קדימה. פאווערטס, סיי אין קולטור סיי אין זיטן. זיי זיינען געגאנגען ריק׳ווערטס, דאס איז זעהר טרויעריג.

רסח. **למה לי רוב זבחיכם יאמר ד׳.** דער תכלית פון די קרבנות איז געווען, אז דער מענש זאל זיך אין דער צייט פון ברענגען דעם קרבן קאנצענטרירן

אין זיך, מאכן דעם אמת׳ן חשבון הנפש כדי ער זאל זיך קענען אויפהויבן און בעסערן. אויב דער תכלית איז ניטא, וואס נוצן די אמצעים?

רסט. **חדשיכם ומועדיכם שנאה נפשי.** די יו״ט טעג האבן אויך געדארפט דינען גאר צו דעם זעלבן ציל. דורך דעם רוהען פון ארבעט זאל דער מענש האבן א מעגליכקייט זיך אליין קאנטראלירן און מאכן דעם ריכטיגן אינווענטאר פון זיין רכוש הרוחני. עד זאל וויסן ווי ער האלט אין דער וועלט אין לעבן. אויב אבער מ׳האט די ימים טובים נאר פארוועגדעט מיט אכילה ושתיה, מיט סעודות מרעים און עפנטליכע שמחות, ווי אזוי האט דער ווילן פון אויבערשטן געקאנט זיין אין זיי?

רע. **רחצו הזכו הסירו רוע מעלליכם חדלו הרע.** ס׳איז א גאנץ נאטירליכע זאך אז עבירה גוררת עבירה, דאס שלעכטס ווערט איינגעווארצלט אין דער נשמה און ס׳ציהט אים שוין ממילא צו טון נאר שלעכטס. דעריבער דארף מען צו ערשט אפוואשן און לייטערן דאס נפש פון די שלעכטע נטיות וואס זיינען געווארן א מין טבע שני, דאן וועט מען קאנען אויסמיידן פון שלעכטס און טון גוטס, סור מרע ועשה טוב.

## ואתחנן

רעא. **ואתחנן, לשון מתנת חנם. אע״פ שיש לצדיקים לתלות במעשיהם הטובים אין מבקשים אלא מתנת חנם** (רש״י). אמאל האט דער בערדיטשעווער רב געזאגט מוצאי יו״כ צו איינעם פון זיינע מקורבים: איך ווייס וואס די האסט מתפלל געווען היינט. ביי מעריב האסטו מתפלל געווען, אזוי ווי די דארפסט טויזענד רו״כ א יאר און השי״ת איז דיר דאס מזמין אין פארלויף פון יאר, נאר היות דורך דעם האסטו טירדות א גאנץ יאר, און ס׳שטערט דיר צו תורה ועבודה, זאל דיר השי״ת געבן אנהויב יאר די גאנצע טויזנט רו״כ מיט א מאל, זועסטו קאנען א גאנץ יאר עוסק זיין בתורה ועבודה.

ביי שחרית האסטו געטראכט, אז אויב דו וועסט באקומען טויזנט רו״כ מיט אמאל, וועט זיך דיר גליסטן מאכן א גרויס מסחר, וועסטו נאך מעהר זיין טרוד, איז גלייכער, אז השי״ת זאל דיר מזמין זיין יעדעס האלבע יאר צו 500 רו״כ. ביי נעילה האסטו די ווידער בארעכנט, אז באקומענדיג 500 רו״כ מיט אמאל, קאן זיך דיר נאך אויך גלוסטן צו מאכן מסחרים איז בעסער, אז הקב״ה זאל דיר באשערן נאר 250 רו״כ יעדעס פערטל יאר.

אבער אין הימל האט מען געזאגט, ווער דארף דיין תורה ותפלה? מען דארף דיין קאפ דרעהעניש.

מיט דעם געדאנק האט רבי מנדל מקאצק ז״ל געטייטשט, אע״פ שיש לצדיקים לתלות במעשיהם הטובים, זיי קאנען מאטיווירן זייערע בקשות כדי זיי זאלן קענען טוען גוטס און עוסק זיין בתורה ועבודה, פונדעסטוועגן אין

מבקשים אלא מתנת חנם, ווייל זיי פארשטעהען, אז מע קאן זיי ענפערן ווער דארף דען דיינע מעשים טובים?

רעב. **ועבדתם שם אלהים אחרים אשר לא יראון ולא ישמעון.** ר׳ יצחק אברבנאל דערצעהלט, אין זיין צייט האט זיך איינער ר״ל געשמדט און געדינט צו אפגעטער. האט מען אים געפרעגט, וואס זאגסטו בנוגע די פארשידעדע אמונות? דו האסט דאך אלעס געפריווט. האט ער זיי געענפערט, איך זעה יעצט א עולם הפוך. ווען איך בין געוועזן א איד, האב איך ניט געזעהען גאט, אבער גאט האט מין יא געזעהען „אם יסתר איש במסתרים ואנכי לא אראנו״. יעצט איז דער היפוך, איך זעה מיין גאט יעדעס מאל אבער ער זעהט מיך ניט.

רעג. **ובקשתם משם את ד׳ א׳ ומצאת.** ס׳איז אפליאה, דער אנהויב איז בלשון רבים און דער סיום בלשון יחיד?

זוכן גאט, זוכט יעדער. איטליכער זוכט גאט מיט זיינע אייגענע דרכים און לויט זיין שכל. אבער געפונען, דאס איז שוין א זאך פון יחיד, פון א געקליבענעם, איינער פון טויזנט. ווייל דאס געפונען איז אפהענגיג פונם אופן ווי אזוי דאס זוכן איז. עס דארף זיין „כי תדרשנו בכל לבבך ובכל נפשך״. דער בקשת האלקים זאל בא דיר זיין א לעבנס פראגע. עס זאל פארכאפן דאס גאנצע הארץ און די גאנצע נשמה.

צו בקשת אלקים דארף מען אויך האבן א ריין הארץ, א לויטערן גייסט, גוטע מדות און א ערהאבענגע אויפפירונג. דאס אלעס מאכט, אז דער בקשת האלקים זאל האבן ערפאלג. מי יעלה בהר ד׳ ומי יקום במקום קדשו? נקי כפים ובר לבב.

רעד. **ובקשתם משם את ד׳ אלקיך.** משם, פון דארטן, פון דיין אייגן הארץ קאנסטו זוכן גאט און אים געפונען (הרב מפשיסחא).

רעה. **וידעת היום והשבות אל לבבך.** די ידיעות אליין אפילו טויזנט מאל זיינען גארניט פועל, דער עיקר איז דאס וואס ס׳איז נשרש בלב ישראל, איינגעווארצלט אין אידישן הארץ, מ׳דארף קודם אוועקנעמען דעם כיסוי, דעם מסך המבדיל וואס איז געווארן דורך דעם רע און דאמאלס ווען אריין די ידיעות אין הארץ (הרי״מ מגור).

רעו. **אין עוד.** אין עוד איז די טייטש, קיין אנדערער א חוץ דיר איז ניט דא ווער ס׳זאל דאס וויסן.

רעז. **נחמו, נחמו עמי יאמר אלקיכם.** דאס אידישע פאלק ווערט געטרייסט זיין נאר דורך 2 זאכן, מיט דעם צוריקקערן פון די פארבלאנזעטע צום פאלק, צום באגריף „נאציאן״ און אויך צו זייער גאט, צום באגריף „גאטהייט״. (הרב מנחם גוטמאן).

## ע ק ב

רעח. **והיה עקב תשמעון ואהבך וברכך.** די מפרשים פרעגן, ווי קומט עס וואס ס׳ווערט דא צוגעזאגט שכר אויף די מצות. ס׳איז דאך ידוע אז שכר מצוה בהאי עלמא ליכא?

די מצות פון דער תורה זיינען פון 2 סארטן: מצות שבין אדם למקום און מצות שבין אדם לחבירו, דער אמת איז טאקע, אז שכר מצוה בהאי עלמא ליכא, נאר אז דער מענש איז מקיים די מצות שבין אדם לחברו, מחמת ער האט רחמנות אויף יענעם און טיט מיט דעם חבר צדקה און חסד, דאמלאס איז דאך כל המרחם על הבריות מרחמין עליו מן השמים, איז מען אויף אים משפיע כל טוב פון הימל. ניט אלס שכר, נאר אלס מדה כנגד מדה (כתר תורה).

רעט. **והיה עקב תשמעון, אם המצות קלות שאדם דש בעקביו תשמעון** (רש״י). דערמיט מיינט מען דאס געהען לדבר מצוה, די הליכה לבתי כנסיות ובתי מדרשות, אויף וועלכן עס איז דא שכר פסיעות (סוטה כ״ב). מ׳קאן דעדמיט ערקלערן פארוואס דעם מענש זיינען ניט געגעבן פליגל צו פליהען, כדי ער זאל ניט זיין גרינג לדבר עבירה. מיט דער צייט וואס ער דארף געהען מיט די פיס, קאן ער זיך נאך בארעכענען און זיך אפהאלטן פון שלעכטס. און אויך כדי ער זאל קאנען פארדינען שכר פסיעות מיט דעם געהען לדבר מצוה (הר״י חאגיז בהלק״ט ח״א סי׳ רכ״ג).

רפ. **ועתה ישראל מה ד׳ א׳ שואל מעמך כ״א ליראה.** א למדן האט זיך מתפאר געווען, אז ער איז קיינמאל ניט געגאנגען ארבע אמות אהן תורה. האט אים דער אנדערער געזאגט, אבער וויפיל פרסאות ביזטו געגאנגען אהן יראת שמים?!

רפא. **ומלתם את ערלת לבבכם וערפכם, לא תקשו עוד.** אז איר וועט מל זיין דאס פארשטאפונג פון אייער הארץ און קאפ, וועט איר מעהר קיין קשיות ניט פרעגן, עס וועט שוין ניט קשה זיין אויף השי״ת, אויף דער תורה און אויף די צדיקים (ז. כליל תפארת).

רפב. **ולעבדו בכל לבבכם. איזהו עבודה שהיא בלב? זו תפלה** (תענית ב׳). תפלה באדארף זיין מיט כונת הלב, פון טיפן הארץ.

ס׳איז באקאנט דער מאמר: תפלה בלא כונה כגוף בלא נשמה, די כונה איז די נשמה פון דער תפלה, אהן כונה איז די תפלה א מעכאנישע, אגולם אהן חיות.

ר׳ זלמ׳לע ווילנער ז״ל האט שעהן געטייטשט, נכספה וגם כלתה נפשי לחצרות ד׳, איך גלוסט צו קומען אין מקום קדוש מתפלל זיין, אבער בתנאי סע זאל זיין: לבי ובשרי ירננו אל אל חי, דאס הארץ און דאס מויל זאלן זיין פאראייניגט אין זיך משתף זיין אין דער עבודה. ווייל אהן דעם גם צפור מצאה

בית ודרור קן לה, נאר אזוי זיין מיט דעם קערפער אליין אין מקום קדוש קאנען זיי אויך מיט זייערע גופים'לעך זיין אין שוהל, וואס איז דער אונטערשיד פון מענשן מיט דעת ביז זיי?

רפג. **השמרו לכם פן יפתה לבבכם.** אמאל איז געקומען א פריידענקער צו הרי"מ מגור ז"ל און אים געפרעגט: אין ק"ש שטעהט, אז מ'וועט אוועקגעהען פון דער תורה וועט זיין שלעכט, אט איז ער אפרייער און ס'איז אים דאך גוט? זאגט אים דער רבי: אויב דיר איז קשה פון דער ק"ש, איז א סימן, אז דו האסט אמאל געליינט ק"ש, לכל הפחות איינמאל. פאר דעם איינעם מאל ק"ש ליינען, איז וועניג דאס גאנצע גוטס, וואס דו האסט, ס' קומט נאך מעהר...

## ר א ה

רפד. **לא תעשון כן לד' אלקיכם.** פאר השי"ת טוט מען נישט גלאט אזוי, אלס מצות אנשים מלומדה, מ'דארף טון מיט ישוב הדעת און מיט שכל (הר"מ מקאצק).

רפה. **ולא ירע לבבך בתתך לו** אויב דורך דיין שלעכטן מצב קאנסטו אים ניט געבען נאר א קליינע נדבה, זאלסטו ניט זיין בא דיר געפאלן פון דעם, ווייל אחד המרבה ואחד הממעיט ובלבד שיכון לבו לשמים (היהודי מפשיסחא).

רפו. **לא תאכל עליו חמץ שבעת ימים תאכל עליו מצות.** דברים הבאים לידי חימוץ אדם יוצא ידי חובת מצה, יצאו אלו שאין באין לידי חמוץ (פסחים ל"ה). די מצוה פון מצה דארף מען מקיים זיין דורך העדר און שלילה. מ'זאל נעגירן און אויסמיידן דעם חמץ. אויב אבער די זאך ווערט ניט פון דער נאטור חמצ'דיג, האט דאך דער מענש דערביי קיין שום עשיה. עס איז א העדר הכרחי וטבעי. דעריבער מוז די מצה זיין פון אזעלכע זאכן וואס קאנען בטבע יא קומען לידי חמוץ, נאר דער מענש איז פארזיכטיג צוליב דער מצוה פון מצה, און פארהיט ס'זאל ניט קומען לידי חמוץ (רב יצחק יעקב רייענס).

רפז. **ובכל משלח ידך אשר תעשה.** די ארבעט אין ענינים הארציים הייסט משלח ידך. דער פשיסחער ז"ל האט געזאגט: יגיע כפיך כי תאכל אשריך וטוב לך, ס'דארף זיין נאר יגיע כפיך אליין, ניט אריינלעגן אלע מחשבות אין דעם יגיעת העסקים. די מחשבות דארפן זיין אפילו דעמאלס דבוק אין השי"ת. נאר מיט די הענד אליין זאל מען עוסק זיין בצרכי הגוף, וועט זיין אשריך וטוב לך, ווי דער קאצקער האט געזאגט, די הענט זאלן טון און דער קאפ זאל זיין צום הימל...

רפח. **פתוח תפתח את ידך לו.** פארוואס שטעהט א כפל לשון: פתוח תפתח? די גמרא לערנט אונז' אז בשעת מען גיט דעם ארימאן א נדבה זאל מען אויך צו אים רעדן גוטע ווערטער, וואס זאלן אים ראטעווען פון בושה, פון יאוש און ערגערניש. דאס רעדן הייסט עפנען דאס מויל. פתחון פה. דעריבער שטעהט פתוח תפתח, ווייל מיט דעם עפננען די האנד דארפסטו אויך עפענען דאס מויל.

רפט. **אשרי משכיל אל דל.** ס׳האט דאך געקאנט שטעהן נותן אל דל? נאר דער פסוק לערנט, אז מען דארף פארשטעהען ווי און ווען צו געבן דעם ארימאן, ער זאל ניט ווערן פארשעמט, מוטב דלא יהבת ליה וכספתיה.

רצ. רבי מאיר׳ל פרעמישלאנער האט דאס ערקלערט לויט דעם מאמר העולם, א נאר גוט און א קלוגער נעמט. דאס הייסט משכיל אל דל, דורך דעם וואס ער מאכט דעם ארימאן ער זאל בא אים נעמען, מאכט ער אים פאר א משכיל, פאר א קלוגן.

## שופטים

רצא. **שופטים ושוטרים תתן לך בכל שעריך.** מ׳דארף אריינקוקן אין די רמ״ח אברים און שס״ה גידים ווי מען זעהט אויס (הרבי מגאסטענין).

רצב. **שופטים ושוטרים תתן לך לשבטיך.** די היסטאריע לערנט, אז דער שופט איז תמיד ארויסגעקומען פון די, וואס זיינען געווען מעהר אונטערדרוקט. דארט, וואס ס׳זיינען געווען גרעסער דיליידן, טיפער די שמערצן און שטארקער די וועטאגן, דארט האט זיך באוויזן א שופט, א מנהיג, וואס האט געראטעט דאס פאלק. דאס איז דער רמז לשבטיך, פון לשון: שבט מוסר, צו די געשמיסענע און געליטענע (הרב מנחם גוטמאן).

רצג. **כי השוחד יעור.** אמאל איז געקומען צו רבי אברהם סוכאטשאווער א אלמנה און האט אנגעהויבן צו וויינען, זי וויל האבן א דין תורה מיט יענעם בעל הבית וואס האט זי ארויסגעווארפן פון הויז, און האט פארגעשטעלט מיט ביטערע טרערן איר עלענד. האט ער ניט געוואלט אננעמען דעם דין תורה, מחמת די טרערן זיינען בכלל שוחד.

רצד. א רב וואס פלעג ניט נעמען שוחד און איז געווען זעהר ארים האט געזאגט: אין לו לדיין אלא מה שעיניו רואות. מיין פארדינסט איז, וואס די אויגן זעהען. כי השוחד יעור עיני פקחים.

רצה. פאר וואס איז א קרוב פסול לדין ולעדות אף לחובה? מילא לזכות אין רעכט, מחמת צוליב קרובות שאפט קאן ער פארדעקען דעם אמת. אבער דחובה וואלט דאך געמעגט זיין? דער תירוץ איז: א קרוב באדארף זעהן א זכות. ווייל אין אדם רואה חובה לעצמו. דער קרוב דארף בא אים זיין חשוב ווי ער זעלבסט. אויב אבער ער זעהט יא א חוב אין זיין קרוב, איז ער ניט בגדר אדם, דערפאר איז ער פסול לדין ולעדות (הרי״מ מגור).

רצו. **לא תסור מן הדבר אשר יגידו לך.** אין תלמוד שטעהט, אז מ׳מאכט אויף אלע מצות דרבנן א ברכה אשר קדשנו במצותיו וצונו, דען דאס איז בכלל אין דעם באפעהל פון לא תסור, קאן מען דערויף זאגן וצונו.

די זאך איז אין פלוג שווער צו פארשטעהן, די מצוה בפרטיות האט ניט דער אויבערשטער געזאגט נאר די רבנן, ווי אזוי קאנען מיר זאגן וצונו? דאס

האב איך ריכטיג פארשטאנען ווען איך האב געזעהן אין ווענעציא, ווי דער באַמטער פון געריכט גיט ארויס א באפעהל פון זיין אייגענעם שכל און פאררופט זיך באם אנהויב, אז ער לאזט ארויס דעם באפעהל אין נאמען פון מלך, ווייל אז דער מלך האט אים אויטאריזירט און אים געגעבן קראפט דערויף, הייסט אלעס אין נאמען פון מלך (הלק״ט ח״ב סי, י״ח).

רצז. **שום תשים עליך מלך שתהא אימתו עליך** (סנהדרין). דער תלמוד לערנט, אז מ'זאל זיך באציהען מיט יראת הכבוד צו א מלך. ס'געפונט זיך וועגן דעם פיעל מאמרים. דער איד איז אלע צייטן מחויב נוהג כבוד צו זיין מיט דעם גרעסטן רעספעקט, דעם וואס טראגט די קרוין פון מלוכה.

א באוואוסטער גאון האט אמאל באזוכט א קיסר אים שבת וועגן א וויכטיגן ענין. בשעת דעם וויזיט האט דער קיסר אים מכבד געווען מיט א סיגארעט. האט ער גענעמען דעם סיגאר, אים שען איינגעוויקלט און ארייגעלעגט אין קעשענע. פרעגט אים דער קיסר: פארוואס רויכערט איר ניט? האט דער גאון געענפערט: דעם סיגאר האב איך א מתנה פון זיינער מאיעסטעט, זאל איך אים אויסרויכערן אויף אש? ניין! איך וויל אים האלטן פאר א שטענדיגן אנדענק... דער ענפער איז שטארק געפעהלן דעם קיסר.

רצח. **ואתה לא כן נתן לך ד' אלקיך**. אמאל נויטיגט מען זיך מ'זאל טון קעגן דער געוואוינהייט, מ'קאן זיך ניט אפשטעלן אויף תמיד איין דרך. דאס הייסט „לא כן" ס'זאל ניט תמיד זיין בא דיר אזוי אויף איין שטייגער. דעם באפעהל האט דיר גאט געגעבן (רבי בונם מפשיסחא).

## תצא

רצט. **לא יוכל לבכר את בן האהובה**. אין שו״ת הלכות קטנות (ח״ב סי' ל') איז פאראן א שאלה, אויב איינער מאכט גלייך אין ירושה דעם בכור צו די אנדערע קינדער, צו איז ער עובר אויף דעם איסור פון מעביר נחלה (ב״ב קל״ג ב')? דארויף ענפערט דער מחבר ר״י חאגיז, ס'איז דערביי ניטא קיין איסור, ווייל דער חלק בכורה איז ניט בתורת ירושה, נאר אלס מתנה (בכורות נ״ב ב'), דעריבער איז ניט חל דערביי דער איסור פון מעביר נחלה.

ש. **לא תקום לך מצבה אשר שנא ד' אלקיך**. די גבירים זיינען זיך נוהג איינצוקארגן זייער געלט וועגן דברים שבקדושה, און ווען עס קומט צו מצבות און מאנומענטן, דאמלאס באקומען זיי די מדה פון פזרנות און געבן דארויף אויס גרויסע סומען געלד, דארויף איז מרמז די תורה: לא תקום לך מצבה (הרב מנחם גוטמן).

שא. **לא יהיה כלי גבר על אשה**. די פרוי פון רבי זלמ'לע ווילנער האט אמאל גענומען א שווערד זי זאל דערמיט עפעס שניידן, האט איר ר' זלמן געזאגט, ס'איז א איסור א פרוי זאל זיך באנוצן מיט א שווערד. ביי יעל אשת חבר הקיני

שטעהט, ידה ליתד תשלחנה, זאגט דער תרגום יונתן: טובתא יעל אתת חבר שלמאה, דקיימית מה דכתיב בספרא אוריתא דמשה: לא תהוי תקון זין דגבר על אתתא, אלהן ידהא לסיכתא אשיטות וימינא למרזפתא דנפחין. זעהט מען אז לויט דעם תרגום האט יעל גענומען א יתד און זיך ניט באנוצט מיט קיין שווערד, ווייל דאס איז אסור צו א פרוי.

שב. **כי תבנה בית חדש לא תשים דמים בביתך.** אז מ'קומט בויען אויפסנייע די נאציאנאלע היים, באדארף מען זיך דערווייטערן פון ברידער־קריג, ס'זאל ח"ו ניט צוקומען צו בלוט פארגיסן (הרב מנחם גוטמן).

שג. **לא יוכל בעלה הראשון לשוב לקחתה.** ס'איז שווער צו פארשטעהן דעם טעם פארוואס זאל דער ערשטער מאן זי ניט טארן צוריק נעמען, זי האט דען עפעס געטון א איסור? זי האט דאך חתונה געהאט מיטן צווייטן בהיתר? די תורה האט געוואלט אז די פרוי זאל זיין דורכגענומען מיט אהבה און געט־ריישאפט נאר צו איר מאן מיט וועלכן זי וואוינט. אין איר הארץ און געדאנקען דארף קיין אנדערער ניט פארנומען קיין פלאץ. אויב די פרוי האט אבער שוין געוואוינט מיט אנ'אנדערן, איז דאך איר הארץ שוין פארנומען מיט דעם געדאנק פון א צווייטן, איז ניט כדאי אז דער ערשטער זאל זי צוריק נעמען (ר"י ריינעס).

## תבא

שד. **ובאת אל הכהן אשר יהיה בימים ההם. אין לך אלא כהן שבימיך** (רש"י). דער דרך איז' אז יעדער דור האלט דעם מנהיג פון זיין צייט פאר קליין און ניט ווירדיג, מע פארגעטערט נאר דעם מנהיג פון פאריגן דור. דאס איז א עצה ותחבולה פון שטן אפצושוואכן די השפעה פון מנהיג.

דאס מיינט דער מאמר התלמוד: זקנים שבאותו דור אמרו: פני משה כפני חמה, פני יהושע כפני לבנה, אוי לה לאותה בושה אוי לה לאותה כלימה! די זקנים האבן געזעהן ווי דער יונגער דור האט א גרויסן דרך ארץ פאר משה'ן און פארגעטערן אים ווי די זון, און יהושע'ס ערך שאצן זיי פאר קליין, האבן זיי זיך דעמאנט אז זיי אין זייער צייט האבן אויך אזוי געפעהלט, האלטנדיג זייער מנהיג משה'ן פאר צו קליין און תמיד מהרהר געווען אויף אים, דעריבער זאגן חז"ל, מיר זאלן מכבד זיין דעם כהן און מנהיג פון אונזערע טעג.

שה. **ונתנך ה"א עליון.** אז דער מענש האלט זיך פאר העכער, פאר דערהויבן, ברענגט דאס אים ער זאל מעהר זיין נזהר און זיינע תנועות און אלע זיינע דרכים, ער זאל זיך פירן מיט א איידעלער אויפפירונג, צו זיין א מוסטער פאר אנדערע.

שו. **ובאו עליך כל הברכות האלה והשיגוך, אם לא תבקשם. והטעם שלא תיגע** (ראב"ע). אויב דער מענש דארף זוכן דאס גליק, זוכט ער אויף פארשידענע דרכים, ער ווייסט דאך ניט זיכער וואו עס צו געפונען, שטרענגט ער אן זיין כח און ענערגיע צו טון אלע תחבולות און אמצעים צו קומען דערצו,

דעריבער איז א ברכה ווען דאס גליק קומט פון זיך צום מענש. דער מענש זאל זיך ניט דארפן וועגן דעם פיל פלאגן מיט עצות און מחשבות עד אנה אשית עצות בנפשי.

שז. **כי תשמע בקול ד'.** די אלע ברכות וועלן דיר קומען אלס א מיטל דו זאלסט האבן די מעגליכקייט מקיים צו זיין די מצות.

שח. **יצו ד' אתך את הברכה.** יצו איז פון לשון צותא, באגלייטונג. דער אויבערשטער, וועט מאכן די ברכה פאר דיין באגלייטער (הכתב והקבלה).

שט. **והלכת בדרכיו.** דאס איז דער גרויסער פרינציפ און די הויפטלערע פון יודנטום צו געהן אין גאט׳ס דרכים, זיך מדבק זיין אין זיינע מדות, מה הוא רחום אף אתה רחום (רמ״א).

שי. מ׳האט געפרעגט דעם פני יהושע: מען מעג לערנען די לאנדס שפראך? האט ער געענפערט: מיר זעהען דאך, אז אין דער תוכחה איז גערעכענט פאר א קללה: גוי אשר לא תשמע לשונו...

שיא. **תחת אשר לא עבדת את ד' אלקיך בשמחה.** דער עיקר עבודה איז בשמחה, דורך שמחה איז די עבודה בשלמות. אז מ׳איז בשמחה האט מען חשקות און התלהבות צו עבודה. מיט עצבות קאן מען גארניט טון, עס איז אלעס אבריג.

דער קאצקער האט געזאגט, די צייט פון אכילה איז אין דער יוגנט, די צייט פון שלאפן איז בקבר. עצבות האט קיינמאל קיין צייט. זיי רופן דאס עצבות, איך רוף דאס פריקות עול.

## נ צ ב י ם  ו י ל ך

שיב. **והיה כי יבואו עליך הברכה והקללה והשבות אל לבבך.** דער מענש קאן קומען צו תשובה, ער זאל זיך בארעכענען דורך דעם וואס ער באטראכט די ברכה און דאס גוטס וואס השי״ת איז אויף אים משפיע. אדער, ווען ער באטראכט די קללה און די עונשים וואס דער אויבערשטער האט אויף אים צוגעשיקט, דאס זיינען צוויי וועגן פון תשובה.

שיג. **לא בשמים הוא ולא מעבר לים הוא, שאם בשמים היא אתה צריך לעלות אחריה. ואם מעבר לים היא אתה צריך לעבור אחריה** (עירובין נ״ה). רבי זלמן מווילנא ז״ל אז ער האט באדארפט א ספר וואס איז ניט געווען בא אים אין שטוב, איז ער נאכדעם געגנגען ווי וייט ס׳זאל ניט זיין, ס׳האט געמעגט זיין אפילו אינמיטן דער נאכט, און אפילו אין גרעסטן פראסט. אמאל האט מען אים געפרעגט פאר וואס ער שטעלט אזוי איין זיין געזונט צוליב א ספר? האט ער געענפערט מיט דער אויבנדערמאנטער גמרא, און אויב אזוי, האט ער געזאגט, האב איך דאך נאך ווייניג געטון צוליב דער תורה.

שיד. **ולא מעבר לים היא לא תמצא התורה לא בסחרנים ולא**

בתגרים (שם). מ'האט אמאל געזאגט דעם ווילנער גאון, רבי! וואס איז א חידוש וואס איר זענט אזוי פרום, אז איר זענט תמיד פארשפארט אין שטוב. קומט ארויס אין גאס, לעבט פריי צווישן דער מאסע, וועלן מיר זעהען, צו איר וועט נאך בלייבן בא אייער פרומקייט? דאס וועט זיין א חידוש.

האט ער געענפערט: איך וויל ניט ווייזן קיין חידושים אין רבותות, איך לויף ניט נאך סענסציעס ,איך ווייס אז די תורה און די גאס זיינען תרתי דסתרי, צוויי סתירות וואס קאנען זיך ניט פאראייניגן.

שטו. **ובחרת בחיים.** ס'שטעהט אין דער גמרא (ברכות ח'). אויב דער מענש קאן ניט גובר זיין דעם יצר הרע, זאל ער עוסק זיין אין תורה, אויב ס'האט ניט געהאלפן, זאל ער ליינען קריאת שמע. אויב דאס העלפט אויך ניט, זאל ער זיך דערמאנען און שטארבן. זעהט מען, אז ס'איז מעגליך גובר זיין דעם יצר הרע מיט דעם געדענקען דעם יום המיתה. עס איז אבער געוואונשענער, דער מענש זאל גובר זיין דעם יצר הרע מיט די אנדערע מיטלען. דער געדאנק פון שטארבן קאן אמאל דעם שלעכטן און פארדארבענעם נאך מעהר פארדארבן. אויב דאס לעבען איז קורץ, ניט מעהר ווי א דורכלויפעניש, וויל איך כאטש הנאה וויפל איך קאן נאך. „אכול ושתה, הרוג בקר ושחט צאן, כי מחר נמות! דערפאר איז גלייכער זיך באנוצן מיט אנדערע מיטלען, מיט תורה און קריאת שמע, וועלכע איידלען דעם כאראקטער, רייניגן דעם געדאנק און היילן די גייסטיגע קראנקהייטן, כי חיים הם למוצאיהם ולכל בשרו מרפא. דאס איז טייטש ובחרת בחיים...

שטז. **ואמר ביום ההוא על כי אין אלהי בקרבי מצאוני הרעות האלה, ואנכי הסתר אסתיר פני.** ס'איז א פליאה, אויב זיי וועלן מתודה זיין אז די סיבה פון זייערליידן איז וואס גאט איז ניט מיט זיי, קומט עס, אז דער נאך זאלן זיי נאך ליידן שטראף?

א חכם האט ערקלערט, אז אלהי מיינט מען דא דעם אלהי הנכר, די עבודה זרה. ווייל אין די אלטע צייטן פלעגן זיי גלויבן, אז די געטער מאכן זיי גליקליך, ווי זיי האבן געזאגט אין די צייטן פון ירמיהו: ומאז חדלנו להקטיר חסרנו את כל אלה. זייט מיר האבן אויפגעהערט מקטיר זיין די געטער ליידן מיר. דערפאר וועלן זיי דערנאך האבן א נייעם עונש.

צו דעם טייטש זיינען פאראן געגנער, דען ער מאכט פון קודש חול. ס'קאן דערפון קומען א קלקול מ'זאל מוחק זיין דעם שם. מיר געפונען אבער אין די פוסקים עהנליכע מחלוקת איבער מעהרערע שמות, צו זיי זיינען קדש אדער חול.

שיז. **ועתה כתבו לכם את השירה הזאת.** א סופר האט געבראכט א ספר תורה וואס ער האט אנגעשריבן, פאר רבי הירש מלך דינוב'ער, ער זאל זאגן זיין מבינות דארויף. דאס כתב איז אים אבער ניט געפעלן, האט ער ניט געוואלט זאגן אויף א ספר תורה עס איז ניט גוט, האט ער אנשטאט צו זאגן דאס כתב איז זעהר גוט געזאגט, אך, וואס פאר א טייער לשון דאס איז.

## ה א ז י נ ו

שיח. **האזינו השמים ותשמע הארץ.** אויב די געלערנטע, די בני עליה הערן, דאמאלס הערן שוין ממילא אויך די המוני עם.

שיט. **יערוף כמטר לקחי תזל כטל אמרתי.** ס'איז פאראן צייטן ווען מ'דארף רעדן צום פאלק מיט שטרענגקייט, מיט שטורם. אמאל דארף מען רעדן מיט ווייכקייט, שטיל און אנגענעם. אלעס האט זיין צייט.

שכ. **הצור תמים פעלו כי כל דרכיו משפט.** דער קאצקער האט גע־טייטשט, משפטי ד' אמת, דער מענש זעהט בעולם הזה דעם משפט וואס השי"ת טוט דעם אזוי, און יענעם אזוי, קען ער ניט פארשטעהן און וואונדערט זיך אויף אלעם, בעולם הבא וועט ער ארויסזעהן, אז צדקו יחדיו.

שכא. **שאל אביך ויגדך זקניך ויאמרו לך.** צוריק מיט יארן איז יעדער פאטער געווען געבוג געלערנט, צו ענפערן זיין קינד אויף די שאלות וואס ער האט אים געשטעלט בנוגע יהדות. היינט זיינען צום באדויערן, די עלטערן אויך פרעמד פון אידיש וויסן. אז דאס קינד פרעגט עפעס דעם פאטער, זאגט ער אים, איך ווייס גלייך מיט דיר, געה צו דיינע זיידעס, צו די פונם עלטערן דור, וועלן זיי דיר קאנען ערקלערן דיינע פראגן (חכם אחד).

שכב. **דור עקש ופתלתול.** דער פשיסכער ז"ל האט געזאגט, ער האט ניט פארשטאנען וואס הייסט עקש ופתלתול, ביז ער איז אמאל אריינגעקומען אין דאנציג בליל שבת אין א שענק. ס'איז געקומען א איד טרונקען א גלעזל וויין. אין דעם שענק זיינען געווען צוויי משרתים, א איד און א קריסט, זיינען זיי געגאנגען אין קעלער ברענגען וויין, האט דער איד געטראגן דאס ליכט און דער קריסט דעם וויין, ווען זיי טוען פארקערט וואלט דאך געווען כשורה, אזוי איז דאס עקש ופתלתל...

## ת ש ו ב ה

שכג. **שובה ישראל עד ד' אלקיך כי כשלת בעונך.** שובה ישראל, דער נביא רופט דיך צו תשובה, אפילו ווען דיינע זינד האבן געגרייכט עד ד' אלקיך, ביז גאט. ד. ה. דו האסט שוין געלייקענט אין דער אמונה אלקית. כי כשלת בעונך, ווייל ס'איז זיכער, אז די כפירה איז ניט קיין אמת'ע, קיין אינערליכע, וואס קומט פון איבערצייגונג. די כפירה איז נאר געווען דער פועל יוצא פון דיינע עונות, דורך דער תאוה ביזטו אריינגעפאלן און פארשידענע עונות, און כדי דאס געוויסן זאל דיך ניט שטעגדיג שטראפן, לייקענסטו בעסער אין גאט און אין זיין תורה, כדי אזוי זיך צו באפרייען פון דעם מוסר כליות (הגאון ריינעס מלידא).

שכד. **אם אין ישראל עושין תשובה, הקב"ה מעמיד להם מלך קשה**

כהמן ומחזירן למוטב (סנהדרין צ"ז). פארוואס דוקא המן, עס זיינען דאך געווען נאך שלעכטע צוררים?

צווישן רבי אליעזר און ר' יהושע איז פאראן א מחלוקת, צו תשובה דורך התעוררות פון צרות הייסט תשובה, דאריבער ברענגט רבי יהושע א ראיה פון המן. אז די תשובה צו וועלכער ער האט גורם געווען, האט געהאלפן זיי מציל זיין ממות לחיים (הנ"ל).

שכה. **סור מרע ועשה טוב.** סור מרע, געה אוועק פון שלעכטן. עס זאל דיר מעהר ניט קומען אויף דער מחשבה דאס שלעכטס וואס דו האסט געטון. נאר ועשה טוב, טוה פון איצט אן גוטס. מיט דעם טוען גוטס וועט דאס רע ממילא בטל ווערן (הרב מפשיסחא).

שכו. דער חטא וואס דער מענש טוט ח"ו אמאל, איז ניט אזוי געפערליך. ער איז דאך בשעת מעשה בא א גרויסן נסיון, און אמאל קאן ער ניט גובר זיין דעם יצר הרע. נאר דער עיקר חטא איז, ווייל דער מענש קאן דערנאך בכל רגע תשובה טון און ער טיט ניט, דאס איז גרעסער פון דער מעשה העבירה אליין.
(הרב מפשיחסא).

שכז. **צור ילדך תשי ותשכח אל מחוללך.** דער אויבערשטער האט דיך באשאפן וועגן עוסק זיין אין תורה וואס הייסט תושיה, און די פארגעסט אינגאנצן דעם ציל פון דיין באשאפוג (הרב מ"ן גוטמן).

## ש ב ת

שכח. **לעשות את השבת לדורותם.** לדורותם איז פון לשון דירה, א איד דארף וואוינען אינם שבת, שבת זאל אים ארומנעמען ווי א דירה (הרי"מ מגור).

שכט. **שבת וינפש וי אבדה נפש.** אז דער איד היט שבת, פארלירט די נשמה דעם וי. עס עקזיסטירט פאר איר נישט קיין וי. ווייל השי"ת איז מוחל אין זכות פון שבת אללע חטאים.

של. **מתנה טובה יש לי בבית גנזי ושבת שמה** (ביצה ט"ז). פארוואס איז שבת א מתנה טובה מעהר ווי אללע מצות?

ביי אלע מצות איז דער כלל, מצות לאו ליהנות ניתנו, איז מען ניט מקבל שכר אויף דער הנאה, נאר אויף דער מצוה אליין. אבער בא שבת איז מען מקבל שכר אויף דער הנאה און עונג פון שבת. ווי די חז"ל זאגן, כל המענג את השבת נותנים לו נחלה בלי מצרים, דעריבער איז שבת א מתנה טובה. (ר' ליבושחריף).

שלא. רבי חיים מוואלוזין איז אמאל געקומען שבת נאכמיטאג אין ביהמ"ד, האט ער געטראפן די ישיבה בחורים זיצן און שמועסן דברים בטלים. האט ער זיי געזאגט, פארוואס זענט איר מבלה די צייט מיט פוסטע דבורים? בעסער וואלט איר אין דער צייט געשלאפן, שב"ת איז ר"ת 'שינה 'בשבת 'תענוג. האט איינער פון די בחורים געזאגט, רבי, שב"ת איז אויך ר"ת 'שיחה 'בשבת 'תענוג? האט רבי

חיים געענפערט, דערפאר שטעהט, לב חכם לימינו, ווייל ער האלט די ר״ת פון שבת מיט א שי״ן ימנית, ולב כסיל לשמאלו, ער מאכט די ר״ת לויט א שי״ן שמאלית.

שלב. **כל המענג את השבת נותנים לו נחלה בלי מצרים** (שבת קי״ח). וואס איז אזוי גרוים דער וואס איז מענג דעם שבת? מיר זעהען אזעלכע, וואס קויפן שענע קוילישטן און גוטע פיש אויף שבת און זיינען אלץ מחלל שבת, קומט אים א נחלה בלי מצרים?

דער אמת איז, יענער וואס קויפט פיינע חלה און מעדני מלכים אויף שבת, איז נאר זיך, זיין אייגענעם גוף מענג, אבער ניט דעם שבת. המענג את השבת מיינט נאר יענעם, וואס היט דעם שבת כהלכתו, פון אים האט דער שבת הנאה און תענוג.

## ראש השנה

שלג. אמאל, א ערב ר״ה פארנאכט, איז אריינגעקומען צום אלטן רבי״ן פון גור א חסיד, האט ער אים געזאגט, זאלסט ויסן, אז אין דער רגע קאן מען נאך מתקן זיין דאס גאנצע יאר דורך תשובה אמתית פון טיפן הארץ.

שלד. **ומלאכים יחפזון וחיל ורעדה יאחזון** (פיוט). וואס האבן די מלאכים צו ציטערן? וואס פאר א חטאים קענען זיי האבן?

דער רצון הבורא איז, אז די מלאכים זאלן תמיד זיין מליצי יושר פאר אידן. זיי זאלן אויף זיי תמיד מלמד זכות זיין. ר״ה און יו״כ משפט זיי דער אויבערשטער, צו זיי האבן געטון זייער חוב און ערפילט זייער אויפגאבע בשלימות. דערפאר ציטערן זיי פאר דעם דין (רבי שלום מבעלזא).

שלה. **באין מליץ יושר מול מגיד פשע.** ווען אלע זיינען מלמד חוב אויף אידן, ס׳איז ניט איינער וואס זאל אויף זיי מלמד זכות זיין. תגיד ליעקב דבר הוק ומשפט וצדקנו במשפט, דאמאלס ווערט אנגעווענדעט דער חוק, אז בית־דין שאמרו כולו לחובה, אויב אלע זיינען מחייב, דאן ווערט דער געמשפטער באפרייט ווי א זכאי (רבי בונם מפשיסחא).

שלו. **נוהגים לאכול רמון בר״ה ואומרים נרבה זכיות כרמון** (ש״ע). אין תלמוד געפינען מיר וועגן דעם גרויסן תנא ר׳ מאיר „רמון מצא, תוכו אכל וקליפתו זרק״. מיר בעטן ביים אויבערשטן, ער זאל זיך מיט אונז אויך אזוי נוהג זיין, דאס שלעכטע זאל ער באזייטיגן און זיך ניט רעכענען דערמיט, נאר דאס גוטע זאל ער נעמען אין אכט (הרב מ״נ גוטמאן יאס).

שלז. **שלשה ספרים נפתחים בר״ה** (ר״ה ט״ז). יעדער איינציגער איז פארשריבן אין א באזונדער ספר, אין וועלכן מ׳פארשרייבט זיינע זכיות. און זיינע עונות. אזוי ווי די סוחרים פארשרייבן זייער הכנסה און הוצאה, דעם אקטיוו און פאסיוו. אויב מ׳געפונט רוב זכיות, איז ער זכאי, און זיין ספר ווערט א ספר החיים.

אויב דער רוב איז עונות, איז דער היפוך. שלשה ספרים איז אלזא דער טייטש, ד ר י י ע ר־ל י י קאטעגאריעס פון ספרים (הלק"ט ח"ב סי' רי"ג).

שלח. **מפני מה אין ישראל אומרים שירה בר"ה ויו"כ?** (ר"ה ל"ב). איז דאך קשה וואס איז שייך צו זאגן הלל אום ר"ה ויו"כ? הלל זאגט מען דאך נאר אויף דעם געשעהן פון נסים?

דאס קאן מען ערקלערן מיט דעם מאמר פון ירושלמי (ר"ה פ"א), אידן זיינען פרעהליך אום ר"ה ווייל זיי זיינען זיכער, אז דער אויבערשטער **וועט מיט זיי טוען נסים** און זיי מזכה זיין ביים משפט, זיי רעטן פון טויט. אויף דעם וואלט כדאי געווען צו זאגן הלל, אזוי ווי מ'זאגט פסח, ווייל ער האט מציל געווען די אידן באם ים, כאטש עס איז געווען א קטרוג, הללו עובדי ע"ז והללו עובדי ע"ז. שבועות, ווייל ער האט די אידן מחיה געווען מיט טל (שבת פ'). אין סוכות, ווייל ער האט באשיצט די אידן מיט ענני כבוד, זיי זאלן ניט שטארבן פון היץ (שם סי' רי"ד).

שלט. דער לובלינער ז"ל פלעג זאגן, אז א מענש דערקענט זיין ערך און מאכט זיך דעם אמת'ן חשבון הנפש, איז אזוי ווי די וועלט זאגט „אפגערעכנט־איז האלב באצאלט"...

אמאל האט אים דער פשיסחער דערויף געפרעגט, איז עס באמת אזוי? האט ער געענפערט, געוויס אזוי. דער שכל איז, אז איינער האט טריפה'נע סחורה (מחוץ למדינה) ווי באלד מ'לעגט נאר אויף איר דעם חותם המלכות, איז עס שוין כשר. אזוי איז דער וואס דערקאנט זיין מצב ווערך **באמת**, איז דאך שוין דער חותם המלך אויף אים, ווייל חותמו של הקב"ה **אמת**, ווערט ער כשר.

## יום כפור

שמ. **כי אתה סלחן לישראל ומחלן לשבטי ישרון.** האט דאך געדארפט שטעהן „כי אתה סולח לישראל ומוחל לשבטי ישרון"? דער אויסדרוק „סלחן ומחלן" ווייזט, אז די דאזיגע מדה איז ביים אויבערשטן א שטענדיגע. גאט איז ניט נאר אמאהל, פראוויזאריש מוחל, נאר תמיד (זעה ב"מ ל"ג, רובץ ולא רבצן, בפרש"י רובץ היינו במקרה, ורבצן הוא תמידית) (רבי ישראל מרוזין).

שמא. די מצוה פון תשובה באדייט אוועקלאזן דעם חטא, ד. ה. דער חוטא זאל בא זיך באשליסן, מעהר ניט טון געגן דער מצוה פון דעם אויבערשטן. דאס איז די באדייטונג פון ווארט „תשובה", פון שורש ש ו ב, זיך אומקערן צו גאט מיטן גאנצן הארצן, מיט דער גאנצער זעלע, ניט ווי פראסטע מענשן מיינען, אז תשובה הייסט פאסטן (רש"ז מלאדי, אגרת התשובה).

שמב. א איד האט אמאל מחלל שבת געווען בשוגג, ער איז געפארן אונטערוועגנס און צוליב דער שכרות פונם בעל עגלה, איז ער אריינגעפארן א שעה אין דער נאכט. איז ער געגאנגען צו ר' מיכל מזלאטשעוו און געבעטן ער זאל

אים געבן א תיקון. האט ער אים מסדר געווען א זעהר שווערן סדר תשובה. ער האט אים געהייסן א סאך פאסטן, האבן גלגול שלג, זיצן ווינטער אין קאלט וואסער, שלאפן אויף א שטיין וכדומה.

דער איד האט א שטיק צייט אזוי זיך געפירט אין זעהר שוואך געווארן, ער האט שוין מעהר קיין כח ניט געהאט. מאכט זיך אז דער בעש"ט קומט אין יענער שטאט. געהט דער איד צום בעש"ט, און בעט בא אים א תיקון אויף זיין חלול שבת. זאגט אים דער בעש"ט, קויף א ליטרע ליכט און צינד זיי אן אויף שבת קודש אין שוהל ,דאס איז דיין תיקון. בלייבט דער איד שטעהען און וואונדערט זיך אויף אזא גרינגען סדר תשובה; איז דען מעגליך אז דאס זאל זיין געגוג? פרעגט אים דער בעש"ט: וואס טראכסטו סערדצע? דערצעהלט ער דעם גאנצן ענין. ענפערט אים דער בעש"ט: שרעק זיך ניט! טוה ווי איך האב דיך געלערנט, און דאס וועט זיין דיין גאנצער תיקון.

געהט דער איד תיכף און קויפט א ליטרע חלב'ע ליכט און לאזט זיי ליגן בא זיך אין שטוב ביז ערב שבת. איז געקומען א הונט און אויפגעגעסן די ליכט. האט דאס דעם אידן זעהר פארביטערט און ער איז תיכף ווידער געקומען צום בעש"ט, און מיט א געוויין דערצעהלט די מעשה. זאגט אים דער בעש"ט; קויף ווידער א ליטרע ליכט און צינד אן אין שוהל לכבוד שבת. מעהר וועט דער הונט ניט אויפעסן. און ר' מיכל'ן געה זאגן, אז ער זאל מיט מיר ניט שפילן. עד זאל קומען צו מיר אויף דעם צווייטן שבת קיין כוואסטאוו, ווייל איך פאר אהין.

דער איד האט אלעס געפאלגט, און ר' מיכל האט זיך געלאזט פארן אויף שבת צום בעש"ט, מאכט זיך אז זיין פוהרל פארשפעטיגט, און ער מוז ארייגעהן אין שטאט שפעט צו פיס. ווען ער איז אריינגעקומען צום בעש"ט, האט ער שוין געהאלטן באם קידוש, איז דער בעש"ט געבליבן שטעהען, אים געגעבן שלום און זיך אנגערופן: ר' מיכל! פון איצט וועט איר שוין וויסן ווי אזוי צו געבן א תיקון אויף חלול שבת בשוגג? א מענש האט קיינמאל ניט טועם געווען טעם חטא, און פילט ניט דעם שמערץ און די צעבראכענקייט פון א אידן, וואס ער איז ח"ו נכשל געווארן מיט א עבירה, ווי קאן ער געבן א תיקון תשובה? איר זאלט וויסן, אז מיט דעם צובראכענקייט פון הארץ, וואס דער איד האט געהאט פון דעם חלול שבת, איז שוין געווען א תיקון צו זיין חטא, און ער איז אינגאנצן אפגעווישט. נאך דעם האט דער בעש"ט געמאכט קידוש.

שמג. די כונה פון די כריעות והשתחויות יום כפור איז: דער מענש זאל געדענקען און טראכטן, איך מיט אלע מיינע כוחות און פעהיגקייטן בין גאר ניט, אלעס איז פון השם יתברך (קדושת לוי).

שמד. פארוואס מאכט מען שהחיינו בא כל נדרי? ווייל מ'זעהט אין שוהל פנים חדשות, אזעלכע וואס זיינען א גאנץ יאר ניט געקומען (חכם אחד).

שמה. אלמלי שמרו ישראל שתי שבתות מיד היו נגאלין. פארוואס

גראדע 2 שבתות? שתי שבתות מיינט מען יום כפור, וועלכער ווערט גערופן אין דער תורה **שבת שבתון** (דגל מחנה אפרים).

שמו. **כל האוכל ושותה בתשיעי כאלו מתענה תשיעי ועשירי.** מ׳קאן דאס מסביר זיין מיט א מאמר פון הרי״מ מגור ז״ל. ער האט געזאגט: סעודת מריעים פון חסידים איז אזוי ווי א תענית בא די מתנגדים. דער עיקר תענית איז, מ׳זאל זיך בארעכנען, מ׳זאל מפשפש זיין און די מעשים און תשובה טון דאס פאסטן איז שוין אבער געווארן א מין רגילות, מע פאסט אהן מ׳זאל עפעס אויפטון. האבן חסידים גענומען א נייעם דרך, מ׳איז זיך מתחבר צוזאמען בא א סעודה, כדי מ׳זאל אריינברענגען איינער אין אנדערן יראת שמים און מ׳זאל זיך מתקן זיין. אזא מין סעודה איז געוויס העכער פון א תענית, און באשטעהט געגן א דאפעלטן פאסטען.

שמז. אזא הייליגן טאג, אזא יום אדיר וקדוש וואלט כדאי געווען מ׳זאל אים מקבל זיין בשמחה רבה, מיט גרויסע סעודות און תענוגים. ס׳איז דאך אבער א מצוה צו פאסטן. דערפאר ווייזען מיר ארויס די שמחה איבער יום כפור, דעם פאריגן טאג (הלק״ט ח״ב סי׳ קל״ו).

שמח. **יום כפורים, — כיפורים** (תקוני זהר). די ימים טובים זיינען געגעבן לששון ולשמחה, מ׳זאל שען פארברענגען. די שמחה באקומט אבער ניט, זי איז ניט גאנץ דורך די שווערינקייטן פון די מצות וואס זיינען נוהג אין דעם יו״ט.

**פסח** איז מען באגרעניצט מיט דעם, וואס מ׳דארף זיין פארזיכטיג פון חמץ. **סוכות** זיצט מען אין דער קעלט, דער ווינט בלאזט. **שבועות** באקומט ניט, ווייל עס איז מתן תורה און מ׳דארף זיין נזהר אין תרי״ג מצות. נאר פורים איז א שמחה שלימה פאר דעם גוף. דאגעגן יו״כ איז א שמחה שלימה פאר דער **נשמה,** ווייל דער מענש איז דאמאלס דעווייטערט פון דער גאנצער גשמיות דיגער וועלט, דעריבער זיינען די טעג גלייך פון דעם שטאנדפונקט פון שלמות

(הרב מנחם ריזיקוב).

שמט. **אמרו ישראל לפני הקב״ה: אין לנו לשון של זהורית ושעיר המשתלח. אמר להם: כחוט השני שפתותיך, רחישת פיך הכיבה עלי כחוט השני של זהורית** (מדרש שה״ש). דורך דעם לשון של זהורית, האט מען געהאט די מעגליכקייט צו דערקאנען דעם מצב אין רוחניות. איצט האבן מיר ניט דעם סימן אויף אונזער צושטאנד. מיר געפונען אבער נאך אנ׳אנדער סימן, וועלכער איז אויך א באווייז אויף דעם מצב הרוחני: אם שגורה תפלתי בפי יודע אני שהוא מקובל, ואם לאו יודע אני שהוא מטורף. זעהט מען אז די תפלה מיט די ליפן האט דעם זעלבן באווייז ווי דער חוט השני (הרב ישראל דייכעס).

שנ. **אחת, אחת ואחת, אחת ושתים.** מיט יעדער שפריץ, וואס ער האט געשפריצט, למטה, האט ער דערמאנט דעם אחת למעלה. די הזאת דם למעלה אויף דעם כפורת וואס אויף דעם ארון העדות, דאס איז דער עיקר און יסוד פון

יהדות. מ׳דארף האבן מסירת נפש און מפקיר זיין דעם דם צוליב דער תורה כי עליך הורגנו כל היום.

שנא. **בראשונה היו קושרין לשון של זהורית על פתח האולם מבפנים, הלבין היו שמחים לא הלבין היו עצבים, התקינו: שיהיו קושרין אותו, הציו בסלע וחציו בין קרנותיו** (יומא ס״ז). עצבות, זאגן צדיקים איז ניט קיין עבירה, ס׳איז ניט פאררעכנט צווישן די 365 לאוין, כאטש אזוי, וואס עצבות קאן קאליע מאכן, קען די גרעסטע עבירה ניט קאליע מאכן. דאס גאנצע חסידות איז געבויעט אויף דעס פרינציפ פון שמחה, דארט וואו ס׳איז יאוש, איז אלעס פארלוירן. שמחה קאן אויפהויבען דעם גייסט און אים באנייען צו גוטען.

שנב. רבי נחמן בראסלאווער פלעגט דערפאר תמיד שרייען: געוואלד! זייט אייך ניט מייאש, א אנדער צדיק פלעג זאגן: איידער מיר זאלן זארגן אויף מארגען, לאמיר בעסער פאררעכטן פון נעכטן. זארג, עצבות און יאוש זיינען די גורמים אראפצופירן דעם מענשן אינגאנצן פון דרך החיים. אפילו אויף ראש השנה, דעם יום הדין, האט דער נביא געזאגט, **אל תעצבו** כי חדות ד׳ הוא מעוזכם, איבער־הויפט יום כפור וואס איז שוין נאהענט צום זמן שמחתנו, דערפאר האבן די חכמים מתקן געווען צו פארהוילן דעם לשון של זהורית כדי מ׳זאל ניט ארייןפאלן אין עצבות און יאוש.

שנג. מוצאי יו״כ הויבט מען אן דאוונען מעריב והוא רחום יכפר עון, איז א פלא, יו״כ האט מען דאך מוחל געווען די עונות וואס־זשע איז שייך שוין זאגן והוא רחום, ס׳איז דען שוין צייט געווען פאר נייע עונות? א צדיק האט דאס אזוי ערקלערט, ס׳קומט צוגעהן יו״כ פארנאכט, זיינען אידן הונגעריג און דארשטיג, מיד און צובראכן, און טראץ דעם זיינגען זיי זיך מתחזק אין עבודת ד׳ בהתלהבות. איז דער שטן דאן מקטרג פארוואס דינען זיי ניט תמיד דעם אויבערשטן, מיט אזא ברען און אהבה, דארויף זאגן מיר „והוא רחום יכפר עון״...

## סוכות

שנד. סוכה באדארף **דעת**. למען י ד ע ו דורותיכם כי כו׳, דערפאר איז דער דין, המצטער פטור מן הסוכה, ווייל מחמת צער האט ער ניט קיין יישוב הדעת (הרי״מ מגור).

שנה. מצות סוכה איז א סגולה, דער יצר הרע זאל ניט ווידער קומען נאך דער תשובה. א רמז דערויף, ווען יעקב האט זיך אפגעשיידט פון עשו׳ן, האט ער געמאכט סוכות, כדי אים צו פטר׳ן (הרח״ה מאלכסנדר).

שנו. **ולקחתם לכם ביום הראשון, ראשון לחשבון עונות** (מדרש). דער עיקר ארבעט פון יצה״ר איז ניט צו דערלאזן דער מענש זאל זיך מיישב זיין און זיך מאכן א חשבון פון זיינע מעשים. דעריבער הייסט דער יצה״ר ס י ח ו ן מ ל ך ח ש ב ו ן, ווייל ער שטערט דעם מענש פון חשבון הנפש. די טעג פון סוכות זיינען

מסוגל, דער מענש זאל זיך יא קאנען מאכן א חשבון פון זיינע עובדות (הרי"מ מגור).

שנז. **וערבי נחל. ערבה ולא צפצפה** (סוכה ל"ב). דער מדרש זאגט, ערבה דומה לשפתים, לכפר על ביטוי שפתים, די ערבה סימבאליזירט די ליפן פונם מענשן. די גמרא (שם) ערקלערט דעם חילוק צווישן ערבה און צפצפה, ערבה פיה חלוק, צפצפה פיה כמגל. בא דער צפצפה איז דאס מויל פון אירע בלעטער ווי בא א זייג, דאס סימבאליזירט „שפתי חלקות לשון מדברת גדולות". דער מענש דארף האבן א רוהיג מויל, א באצוימטס, ניט ארויס טרעטן מיט „שארף רעדן" און שטעכן אנדערע מיט זיינע דבורים. דעריבער טאר מען ניט נעמען די צפצפה, נאר ערבה, צו לערנען, אז מ'דארף מקיים זיין וואס דוד המלך ע"ה זאגט, נצור לשונך מרע ושפתיך מדבר מרמה.

שנח. **צא מדירת קבע והכנס לדירת ארעי.** דער מאראלישער זין פון מצות סוכה איז, אז דער מענש זאל באטראכטן, אז דאס לעבן אויף דער וועלט איז ניט קיין סטאבילע זאך, עס איז נאר פראוויזאריש, כצל עובר וכחלום יעוף (ראשונים).

שנט. **ולקחתם לכם ביום הראשון, ראשון לחשבון עונות.** אין די עשרת ימי תשובה טוען אידן תשובה, מצות ומעשים טובים, אבער דאס איז אלץ מחמת יראה, ווייל מ'האט מורא פאר דעם דין ומשפט. דעריבער הייסן די טעג **ימי נוראים.** דורך תשובה **מיראה** ווערט פון די זדונות שגגות. אז ס'קומט סוכות זמן שמחתנו, און אידן האבן אלץ הרהורי תשובה, און טוען מצות, הייסט דאס שוין **מאהבה.** דורך תשובה מאהבה ווערט פון די עבירות זכיות. דעריבער איז סוכות ראשון לחשבון עונות, ווייל דער אויבערשטער רעכנט אויס אלע עונות, כדי זיי מהפך זיין צו זכיות (קדושת לוי).

שס. סוכ"ה איז ראשי תיבות: „ס'ומך ו'עוזר כ'ל ה'נופלים". אז דער מענש איז בא זיך געפאלען און האלט זיך פאר גאר ניט, העלפט אים דער אויבערשטער און דערהויבט אים (רבי פנחס מקארעץ).

שסא. **המצטער פטור מן הסוכה.** אז איינער האט ח"ו צער און יסורים, איז אין דעם זכות וואס ער איז מקיים מצות סוכה, ווערט ער פטור פון אלע זיינע ליידען (רבי מנדל מוויזניצא).

שסב. **העיד ר"י שהיו מורישין לולביהן לבניהם.** דער לולב איז מרמז אויף אגוט הארץ. לולב מאכט לו—לב, צדיקים האבן איבערגעגעבן בירושה דאס גוטע הארץ צו זייערע קינדער. האב זוכה לבנו (ר' חיים מקאסוב).

שסג. אתר"ג איז די ראשי תיבות: 'אל 'תבואנו 'רגל 'גאוה. ווייל עס זיינען פאראן מענשן בעלי גאוה. וואס געבן אויס פיל געלד צו קויפן א אתרוג, וואס מעהר הדר, אבער זיי מיינען ניט פון גאט'ס וועגן, נאר כדי זיך צו מאכן גרויס, דארויף פראטעסטירט דער אתרוג (דביר המוצנע).

שסד. רבי חיים צאנזיר פון בראד איז אמאל געזעסן אין סוכה און גערעדט אויף דעם בעש"ט. ווען ער איז געגאנגען אין מקוה, באגעגנט אים דער בעש"ט און זאגט אים, איך האב צו פרעגן א גרויסע שאלה: אין זהר שטעהט, אז סוכה איז שמא דקוב"ה. גאט'ס נאמען, ווייל סוכה באטרעפט 91 ווי צוויי שמות. אויך ווייסן מיר, אז ס'איז ניטא נאך אזא מצוה, וואס זאל באדעקן דעם גאנצען גוף, ווי קומט עס איר זאלט אין סוכה רעדן אויף א אידן?

וואנעדרט זיך ר' חיים און זאגט אייער פראגע איז באמת א ריכטיגע, איך וועל אייך אבער שטעלן נאך א גרעסערע שאלה: אין סוכה איז קיינער ניט געווען, נאר איך מיט מיין זון, ווער־זשע האט אייך עס געקענט דערצעהלן? ניט אנדערש אז א מלאך האט אייך מגלה געווען, איז דאך קשה: ווי קומט צו א מלאך רכילות?

ערקלערט אים דער בעש"ט: דאס איז גאר ניט קשה. עס שטעהט, אז פון יעדער מצוה ווערט באשאפן א גוטער מלאך און פון יעדער עבירה א שלעכטער מלאך. אז איר האט גערעדט לשון הרע איז פון דעם באשאפן געווארן א שלעכטער מלאך, ער האט עס מיר מגלה געווען.

שסה. רב מרדכ פון נעסכיזש איז אי דער יונגט געווען א סוחר, פלעגט ער זיך צונויפלעגן צו ביסלעך וועגן א אתרוג. איינמאל האט ער אנגעזאמלט 6 רובל און איז געפארן קיין בראד קויפן א אתרוג. אויפן וועג זעהט ער ווי א איד שטעהט און וויינט. פרעגט ער אים, פאר וואס ער וויינט? דערציילט אים דער איד, אז ער האט געהאט א פערד און וועגעלע פון וועלכען ער האט געצויגן חיונה פאר זיין 10 קעפיגער פאמיליע, איז דעס פערד געפגר'ט און ער האט ניט אויף קיין אנדער פערד. האט אים ר' מרדכי געגעבן די זעקס רו"כ ער זאל קאנען מפרנס זיין די הונגעריגע נפשות. אלס הלצה האט ער געזאגט: יעדער וועט מאכן א ברכה אויף א אתרוג און איך אויף א פערד. דער אויבערשטער האט אים באשערט און ער האט באלד געקאנט קויפן א אתרוג אהדר.

## שבת חוה"מ סוכות

שסז. דער שבת וואס פאלט נאך יום טוב, דארף ניט אזוי פיל התעוררות, ווייל יום טוב האט שוין מעורר געווען דעם מענשן. דעריבער זאגט מען ניט אזוי פיל מזמורים ווי אנ'אנדער שבת, ווען דער מענש דארף איבערגעהן פון חול צו קודש (הרי"מ מגור).

שסח. **הבל הבלים אמר קהלת.** דורך קהלת, דורך דעם וואס אידן קומען זיך צונויף ביחד, ווערט זיי נתגלה דער אמת און זיי זיינען משיג אז הכל הבל (הנ"ל).

שסט. **עת לבקש ועת לאבד. עת לשמור ועת להשליך.** אמאל זיינען געזעסן א חברה סוחרים און געשמיעסט פארשידענע חידושים פון דער סוחרישער

וועלט. צווישן אנדערע, דערצעלהט איינער א חכמה פון א קלוגן סוחר, וועלכער איז געפארן אין וועג מיט זיין בעל־עגלה, אויפן וועג באמערקט ער ווי דער בעל עגלה קלויבט זיך אים הרג'נען, כדי צו רויבן בא אים דעם טאש מיט די באנקנאטן וואס ער האט מיט זיך מיטגעפירט. האט ער אנגעצינדן א שוועבעלע און פארברענט די אסיגנאציעס. דערמיט האט ער זיך געראטעוועט פון טויט. אלע זיינען געבליבן ערשטוינט אויף דעם איינפאל פון דעם סוחר.

אין דעם הויז איז געשטאנען פון דער זייט דער גאון רבי זלמלע ווילנער. אויסהערנדיג די פאסירונג רופט ער זיך אן: אמת ס'איז זעהר א קלוגע עצה, אבער זי געפונט זיך שוין אין א מדרש, וועלכער ווערט געבראכט אין שו"ת הריב"ש (סי' תמ"ח): א סוחר איז אמאל געפארן אין א שיף איבערן ים, און האט מיט זיך געהאט א קעסטל גילדענע מטבעות. פלוצים דערהערט ער ווי די מאטראסן סוד'ען זיך אים ארייננווארפן אין וואסער, כדי צו רויבן זיין פארמעגן. האט ער ארייגעווארפן זיין קעסטל אין וואסער.ביים אנקומען צו דער יבשה, האט ער אנגעלקאגט די מאטראסן, אז דורך זיי האט ער זיין פארמעגן פארלוירן. דער שופט האט זיי מחייב געווען אים אלעס באצאלן. נאך דעם פסק דין פרעגט דער שופט דעם סוחר: ווער האט דיך געלערנט די עצה? ענפערט דער סוחר: דאס האט מיך געלערנט שלמה המלך מיט זיינע ווערטער: עת לבקש ועת לאבד, עת שמור ועת להשליך. איך האב דערהערט אז זיי ווילן מיך הרג'נען, האב איך געטראכט, איצט איז די צייט וואס שלמה האט געזאגט, צו פארלירן און אוועקווארפן.

שע. שמח בחור בילדותך ודע כי על כל אלה יביאך הא' במשפט. א מענש קאן עסן און טרונקען און זיך אלע פארגעננוגענס אנטון, נאר בשעת מעשה זאל ער נעדענקען אין דעם „ודע", כדי ער זאל ניט מגושם ווערן פון די דברי הרשות (ר"ד מקאצק).

## שמיני עצרת ושמחת תורה

שעא. גדול יום הגשמים כיום שניתנה בו תורה (מס' תענית). יום הגשמים איז מרמז אויף שמיני עצרת, ווייל מ'בענטשט גשם און מ'הויבט אן זאגן מוריד הגשם. דער מדרש זאגט: צווישן סוכות און שמיני עצרת האט געדארפט זיין פופציג טעג ווי פון פסח צו שבועות, נאר דער אויבערשטער האט געזאגט, ס'איז שוין ווינטער, קאנען זיי ניט איבערלאזן די הייזער און קומען קיין ירושלים, ווייל זיי זיינען שוין דא צוליב סוכות, זאלן זיי נאך אויסבלייבן א טאג, דאס הייסט ביום השמיני עצרת. עצרת איז טייטש אויפהאלטן (רבי ישראל מקאזניץ).

שעב. ס'איז א אלטער מנהג, אז שמיני עצרת און שמחת תורה נעמען זיך אידן צוזאמען, לומדים מיט פראסטע מענשן אינאיינעם, און מ'פרעהט זיך מיט דער תורה. עס שטעהט אין מדרש, משל למלך שעשה סעודה לאוהביו, ביום האחרון

אמר להם: קשה עלי פרידתכם, עצרו עלי יום אחד! קשה עלי פרידתכם איז טייטש, עס איז מיר שווער צו פארנעמען אייער פירוד. איך קאן ניט ליידן, אז צווישן אייך זאל ח"ו זיין א פירוד. דערפאר איז דער מנהג מ'זאל דעם טאג זיך מחבר זיין צוזאמען באהבה (ר' ישראל מרוזין).

שעג. שמחת תורה איז מען מסיים און מען הויבט אן די תורה: לעיני כל ישראל — בראשית ברא א' את השמים ואת הארץ. דאס ווייזט אז השי"ת האט באשאפן די גאנצע וועלט נאר צוליב ישראל, אזוי ווי ס'שטעהט בשביל התורה שנקראת ראשית, ובשביל ישראל שנקראו ראשית. השי"ת זאל העלפן ס'זאל זיין לעיני כל ישראל בראשית ברא, ס'זאל זיין אזא התגלות אלקות אויף דער וועלט אז אלע זאלן איינזעהען אז השי"ת האט באשאפן די וועלט נאר צוליב ישראל. דער זוהר הקדוש זאגט: קוב"ה ואורייתא וישראל חד אינון. גאט, די תורה און די אידן זיינען איינס. היינט אז אידן זיינען פרעהליך, פרעהט זיך השי"ת און די תורה אויך מיט זיי. היינט איז שמחת תורה, און אז אידן זיינען בשמחה, דאס אליין איז תורה, נאר ס'דארף זיין וגילו ברעדה, מ'זאל טוען תשובה מיט דער שמחה (רא"י מסדיגורא).

שעד. אמאל א שמיני עצרת איז דער עולם באם אלטן טשארטקאווער ז"ל געווען זעהר שטארק פרעהליך, האט ער געפרעגט זיינע מקורבים: וואס איז דער עולם אזוי פרעהליך, האבן זיי אפשר געטרינקען א סך משקה? האט מען אים געענפערט: ווען איז דען צייט געווען צו טרינקען? מ'האט זעהר שפעט אפגעדאווענט און דערנאך האט מען זיך געאיילט פארכאפן פלאץ. ביים טיש האט מען ניט צייט געהאט צו טרינקען. נאר אידן זיינען פשוט פרעהליך משמחת יום טוב און וואס מ'איז ביים רבי'ן. האט ער ז"ל געזאגט: דער אמת איז טאקע אזוי, אז אידן דערפילן אביסל התגלות, ס'זאל זיין ווי ווייניג, דערוועקט זיך שוין אין זיי א גרויסע שמחה, ווייל עוז וחדוה במקומו! איך זאג: דער דור, וואס דער אויבערשטער פירט זיך מיט אזא גרויסע הסתרה, איז העכער פון דור המדבר, איז דען א חידוש, וואס דער דור המדבר האט געהאט א גרויסע השגה און זיינען געווען א דור דעה, זיי האבן דאך געהאט אזא גרויס התגלות, ראתה שפחה על הים—מה שלא ראה יחזקאל, זיי האבן געהאט גרויסע מוחות און שטארקע כחות און אזא רבי ווי משה רבינו ע"ה, אבער איצט בא אזא גרויסער הסתרה, מיט אזעלכע קליינע מוחות און שוואכע כחות, און מיט דעם אלעמען אז מ.האט נאר דערפילט אביסל התגלות זיינען פרעהליך, דערפאר זאג איך: דער דור איז העכער פון דור המדבר.

שעה. די תורה ענדיגט זיך מיט אות ל' און הויבט זיך אן מיט ב' אותיות ל ב, ווייל ס'שטעהט רחמנא ל ב א בעי. דער אויבערשטער וויל דאס הארץ. אין דאס הארץ איז כולל די גאנצע תורה (דברי אמת מהרבי מלובלין). מ'קאן מוסיף זיין, אז דערפאר שטעהט לעיני כל ישראל, דאס הייסט מ'דארף האבן אויגן אין הארץ, וואו עס שטעהט (ירושלמי ברכות) אז הקב"ה זאגט, גיב קינד דיין הארץ און דיינע

אויגן מיר, וועל איך וויסן אז דו ביזט אינגאנצן מיינער (דברי יחזקאל).

שעו. **שמח זבולן בצאתך ויששכר באהליך.** זבולן האט געהאנדלט, געפארן אין דער וועלט, פארדינט געלד און מפרנס געווען ישׂשכרן, וועלכער איז געזעסן אין הויז און געלערנט תורה, דורך דעם האט זבולן תמיד געהייסן א שליח מצוה, האט ער זיך געקאנט פרעהען בא זיין אפפארן און זיין זיכער, אז עס וועט אים ח"ו קיין שלעכטס ניט פאסירן, ווייל שלוחי מצוה אינן ניזוקין (ברכת יצחק).

שעז. אשר עשה משה לעיני כל ישראל — בראשית ברא א׳ את השמים ואת הארץ. משה האט אויפגעטון און געווירקט, די אויגן פון אידן זאלן ארויסזעהן אז דער אויבערשטער האט באשאפן הימל און ערד (נפלאות חדשות).

שעח. לעיני כל ישראל — בראשית. די תורה וואס ווערט גערופן ר א ש י ת, איז געגעבן לויט די אויגען פון יעדן אידן, ד. ה. יעדער איד זעהט אין דער תורה לויט דער לויטערקייט פון זיינע אויגן (ר׳ ברוך ממעזבוז).

שעט. דער מנהג איז, שמחת תורה ארומצוגעהען די בימה מיט די ספרי תורה, דאס איז א סימבאל, אז דאס אידישע פאלק מאכט זיין גלות וועג נאר מיט דער תורה אין דער האנט, ווען מ'האט אידן ארויסגעטריבן פון שפאניען און פארטוגאל, האבן זיי מיט זיך גארניט מיטגענומען, נאר די ספרי תורה, די תורה האט זיי באגלייט און וועט אונז באגלייטן אין אלע וועגן (תודות אסתר).

שפ. פארוואס לייענט מען שמחת תורה מפטיר נאך בראשית, ס'האט דאך געדארפט קומען דער מפטיר תיכף נאך דער קריאה פון טאג? דערמיט וויל מען מחבר זיין דעם סיום התורה מיט דער התחלה, דער סיום איז ל׳ און די התחלה ב׳. דאס בילדעט צוזאמען דאסווארט לב. מיט דעם איז מען מרמז, אז די תורה איז באזירט אויף דעם הארץ. אחר כונת הלב הן הן הדברים. ס'איז אין דעם אויך א רמז אויף לב טוב, וועלכס איז כולל אלע גוטע מדות און שענע זיטן, וואס די תורה לערנט אונז. דאריבער האט דוד המלך געבעטן: לב טהור ברא לי א׳, דאמאלס וועט שוין ממילא זיין: ורוח נכון חדש בקרבי. אז דאס הארץ איז ריין איז דער גייסט איידל און דערהויבן.

שפא. פארוואס לייענט מען שמחת תורה די פרשה פון משה'ס פטירה? דאס האט דאך געפאסט צו לייענען תשעה באב ניט היינט, ווען מ'דארף זיין פרעהליך? דאס הסתלקות פון רשב"י ווערט גערופן: ה י ל ו ל א, ווייל אויף אים האט מען ניט געהאט וואס צו טרויערן, ער איז דאך איבערגעגאנגען אויף א העכערן עולם, און אויף דעם דור איז אויך ניט געווען קיין צער, ווייל ס'זיינען געבליבן זיינע תלמידים, הייליגע גרויסע תנאים. דאס זעלבע איז אויך פארגעקומען בא משה'ן. ס'איז דאך געבליבן יהושע. דעריבער שטעהט **ויתמו ימי בכי אבל משה.** דער אבל אלס געזעצליכער האט זיך אויסגעענדיגט און מ'האט קיין פארלוסט ניט געפיהלט, ווייל **ויהושע בן נון מלא רוח חכמה.** און ער האט זיין פלאץ פארנומען,

איז משה׳ס פטירה אויך א הילולא, דערפאר קאן מען דאס לייגען שמחת תורה (דברי אליהו).

שפג. ולגד אמר ברוך מרחיב גד וטרף זרוע אף קדקד. דער שבט גד איז געווען פון די ערשטע חלוצים וואס האבן געקעמפט פאר כבוש הארץ און וועגן פארברייטערונג פון די גבולות הארץ. ער האט זיך ניט באגרעניצט מיט דער פיזישער און מאטעריאלער קראפט אליין (זרוע), נאר ער האט פיל געלייסטעט אויך אויף דעם געביט פון גייסטיגער און מאראלישער עגטוויקלונג. ער האט געארבעט מיט דער האנד און מיטן מוח, מיט לייב און זעלע.

שפד. לבנימין אמר ידיד ד׳. דער בנימין — שטיין האט געהייסן: ישפה. דערמיט איז סימבאליזירט די אייגנשאפט און די מידה פון בנימין צו דינען דעם אויבערשטן מיט שתיקה, מיט דער קאנצענטרירוג פון דער מחשבה, דעריבער האט ער זוכה געווען צו הייסן ידיד ד׳ (צדיק אחד).

שפה. לעיני כל ישראל. מ׳האט אמאל געזאגט פאר רבי מאיר׳ל פרעמישלאניר אויף איינעם א חסיד: ער איז א צבוע, א געפארבטער. האט ער געזאגט: נו, און פארב קאסט דען קיין געלד ניט? איר זאלט וויסן, אז לעיני כל ישראל איז די ענדע פון דער תורה. אויב א איד האט שוין קיין בושה ניט און איז פורק עול בפרהסיא. איז אויס פון דער תורה.

שפו. אשר עשה משה לעיני כל ישראל,—בראשית ברא א׳ את השמים ואת הארץ. משה רבינו ע״ה האט באוויזן וואונדער דורך וועלכע ער האט די אידן איבערצייגט, אז דער אויבערשטער האט באשאפן הימל און ערד (ציק אחד).

שפז. אסרו חג בעבותים. דער שניידער נייט א מלבוש מיט א פאדים, אויב דער פאדים האט קיין קניפ ניט, האט דעס נייען קיין קיום. אזוי דארף דער מענש מאכן א קניפ. א קשר צו דער הארה דקדושה, צו דער באגייסטערונג וואס ער האט געהאט יום טוב, ס׳זאל האבן א קיום אויף ווייטער (הרב מאלכסנדר).

## חנוכה

שפח. פתילות ושמנים שאין מדליקין בהם בשבת מדליקים בהם בחנוכה. אלטע צדיקים האבן געטייטשט: אפילו אזעלכע נשמות (נר ד׳ נשמות אדם) וואס דער שבת האט אויף זיי ניט קיין השפעה, און איז זיי ניט מעורר, קען זיי חנוכה מעורר זיין, ווייל אין די צייטן פון די חשמונאים זיינען זיי אויך געווען אין אזא מדרגה און השי״ת האט זיי געהאלפן (הרי״מ מגור).

שפט. ועל נסיך שבכל יום עמנו. דא ווערט באטאנט דאסווארט עמנו א רמז אויף די נסים וואס מיר פועלן דורך אונזער התעוררות און אונזערע פעולות. ועל נפלאותיך וטובותיך שבכל עת, דא רעדט זיך שוין פון די נפלאות,

וואס ניט מיר זיינען זיי גורם, נאר השי"ת איז משפיע מיט זיין חסד אהן אונזער התעוררות.

שד. **נר חנוכה איש וביתו** (מס' שבת). ס'אז ניט גענוג אז דער מענש זאל ערווערבן בהירות, מאראלישע און גייסטיגע ליכינקייט פאר זיך אליין; נאר ער דארף באאיינפלוסן זיינע בני בית אויך מיט קדושה, מיט אהבה און יראה דורך דעם אנצינדן די נרות חנוכה.

שצא. **מניחו על פתח ביתו מבחוץ** (שם). דער עיקר איז מ'זאל ממשיך זיין די קדושה צו יענע וואס שטעהען נאך פון דרויסן און זיינען ווייט פון קדושה (הרב מקאזיניץ).

שצב. **וקבעו שמנת ימי חנוכה אלו להודות ולהלל לשמך הגדול.** דער נס חנוכה האט זיי דורכגענומען און זיי דערלייכט די אויגן, זיי זאלן זיך אומקוקן אויף אנדערע נסים וואס מען טוט מיט זיי תמיד (רבי דוד מקאצק).

שצג. **מזוזה בימין ונר חנוכה בשמאל** (שאלתות). די מזוזה איז מעורר אויף דער פאריודישונג פון דעם הויז. די מזוזה הענגט אויף דער טיר אזוי ווי א פירמע. דא איז אנגעוויזן די שטרעבונג און דער אידעאל פון אידן: ואהבת את ד' בכל לבבך ובכל נפשך! אונבאגרעניצטע טרייהייט און מסירת נפש אויף קידוש השם. דער גייסט פון מזוזה איז געווען די סיבה אז די חשמונאים זאלן זיך מוסר נפש זיין וועגן דת ישראל ותורתו, צוליב וועמענס אנדענקען מיר פייערן דעם נר חנוכה. דער נר חנוכה איז א פועל יוצא, רעזולטאט פון דער מזוזה לערע.

## פ ו ר י ם

שצד. די ראשונים פרעגן, פארוואס האבן חז"ל ניט מתקן געווען צו ליינען די מגילה צוויי טעג משום ספיקא דיומא. אזוי ווי בא אלע ימים טובים? דער תירוץ איז, דער עיקר ספיקא דיומא איז געווען אין בבל, דארט וואו די שליחים האבן ניט געגרייכט, דעריבער איז דאס וואס מ'האט מתקן געווען אין א"י, געמוזט געמאכט ווערן אין בבל צוויי טאג. אבער די מצוה פון מגילה האט מען דאך מתקן געווען אין בבל (הר"מ מקאצק).

שצה. **המן מן התורה מנין? שנאמר המן העץ אשר צויתיך לבלתי אכל ממנו אכלת** (חולין קל"ט). ס'איז ידוע, אז איינע פון די סיבות, וואס רופען ארויס די נקמה פון די פעלקער און פארשטארקן די שנאה צו אידן, איז מותרות לעבן. דער לוקסוס און נאכמאכן אלע נארישע מאדעס. דאס איז אבער אנ'אלטע קראנקהייט. מקדמת ימי עולם האבן מענשן א שוואכקייט צו וועלן דוקא דאס, וואס איז מותרות און ניט נייטיג. דאס באווייזט זיך אויך בא אדם הראשון ביי דעם חטא מיטן עץ הדעת. ער האט דאך געהאט גענוג צו עסן, מכל עץ הגן אכול תאכל, האט ער געמעגט אויסמיידן דעם עץ הדעת. די טבע פון מענשן איז אבער אזוי, ער האט א חולשה צו וועלן דאס איבריגע. איבערהויפט וועו ס'בלישטשעט און רייצט.

אט א די חולשה איז תמיד דער גורם, אז מיר רייצן דעם המן פון יעדער צייט, ער זאל טראכטן, אז מיר האבן צו פיל, און זאל זוכן אונז ארויסנעמען דעם ביסן פון מויל (דברי יחזקאל).

שצו. ישנו, דאס אידישע פאלק עקזיסטירט. עם אחד, ווייל ס'איז בא אים דא אחדות. מפוזר ומפורד, די עצה אים אומצוברענגען — איז מ'זאל בא אים מאכן א פירוד, א מחלוקת, ודתיהם — זייער דת לערנט זיי, שונות מכל עם, זיי זאלן זיין פארענדערט פון אנדערע פעלקער (רבי בונם מפשיסחא).

שצז. בעת ס'איז געשעהן די מעשה מיט ושתי, ווען איינער פלעגט אריינקומען אין בית המדרש און מ'האט בא אים געפרעגט: וואס הערט זיך נייעס? האט ער געענפערט, האק ניט אין קאפ מיט דיינע שטותים, דערנאך אז ס'איז געשעהן דער נס דורך מרדכי און אסתר, האט מען פארשטאנען למפרע, אז ס'האט זיך אלעס געשלייפט און ס'איז אינגאנצן געווען איין המשך מתחלה ועד סוף. די רפואה אין געקומען פאר דער מכה. אזוי וועט זיין לעתיד (הרי"מ מגור).

שצח. **יום כפורים, כפורים** (זהר). ווען יו"כ ווערט פארגלייכט מיט דער גרויסקייט צו פורים, איז דאך פורים גרעסער, פאר וואס? ווייל יו"כ פלאגט מען דעם גוף, פורים פלאגט מען דעם דעת. חייב אדם לבסומי בפוריא עד דלא ידע. עינוי הדעת איז גרעסער פון עינוי הגוף (רבי בונם מפשיסחא).

שצט. **ומרדכי ידע את כל אשר נעשה. בעל החלום אמר לו** (רש"י). פון וואנען איז געדרינגען, אז דורך א חלום האט ער געוויסט? אפשר דורך נבואה? עס שטעהט ומרדכי ידע את כל אשר נעשה, ס'ווערט באטאנט דאס ווארט „כל", ער האט געוואוסט אלעס, די גזירה און דעם סוף, אז אידן וועלן געהאלפן ווערן און המן וועט האבן א מפלה. איז דאך קשה, אז ער האט אלעס געוואוסט, צו וואס האט ער געדארפט גוזר זיין צום ומספד? דערפאר ערקלערט רש"י: בעל החלום אמר לו, און דאס איז דאך א כלל, אין חלום בלא דברים בטלים, האט ער געמיינט אפשר איז די גזירה אמת, אבער וואס אנבאלאנגט דעם סוף, איז עס נאר דברים בטלים. צוליב דעם האט ער גוזר געווען צום ומספד (רח"ה מאלכסנדר).

ת. דעם גורער'ס א אייניקל האט אים אמאל געבראכט משלוח מנות פון זיין פאטער, האט אים דער גורער ז"ל געזאגט: דער מנהג איז צו געבן דעם וואס ברענגט שלח־מנות: פ א ר  ו ו ע ג, איך וועל דיר געבן „פארן וועג" דעם טעם דערפון: פורים איז א זכר צו דער מצוה פון מחיית עמלק, בא עמלק שטעהט אשר „קרך בדרך", דערפאר דארף מען געבן פארן וועג.

תא. **חייב איניש לבסומי בפוריא עד דלא ידע בין ארור המן לברוך מרדכי** (מגילה ז'). ס'איז ידוע, אפילו שבת ויו"ט באדארף מען געדענקען דעם טרויער פון חורבן, דעם אבל ציון וירושלים „אם לא אעלה את ירושלים על ראש שמחתי". בא סעודת פורים דארף מען אויך דעס געדענקען, אבער נאר באם אנהויב סעודה. דערנאך קאן ער שוין פארגעסן מחמת שמחה. דער נוסח פונם

פיוט ארור המן א'שר ב'קש ל'אבדי. איז מרמז די אותיות אבל, דאס מיינט די גמרא, אז מ'זאל פאר' געסן אין דעם אבל, וואס איז מרומז דורך די ר"ת פון ווערטער וואס זיינען צווישן ארור המן און ברוך מרדכי (ר' נתן אדלער).

תב. **כי גדול מרדכי בבית המלך ושמעו הולך בכל המדינות.** יעדער איד איז מקבל עול מלכות שמים ווען ער לייגט ק"ש און זאגט שמע ישראל. עס איז אבער אין דעם פאראן פארשידענע מדרגות: ס'איז פאראן אזעכער וואס אז ער איז מקבל אויף זיך דעם עול מלכות שמים. איז ער מעורר זיין פאמיליע זאלען אויך אזוי טון. א העכערע מדריגה איז מעורר זיין דערצו זיינע אלע שטאט מענשן. נאך א גרעסערע מדריגה איז מעורר זיין דערצו אלע זיינע לאנדס־לייט וואס וואוינען אין זיין מדינה. די גרעסטע מדריגה איז דער, וואס איז זיך מקשר מיטן כלל ישראל וואו זיי זיינען צושפרייט אין אלע מדינות. דאס איז געווען די מדריגה פון מרדכ'ן. ו ש מ ע ו, זיין זאגן שמע ישראל, הולך, האט געהאט א השפעה **בכל** המדינות (רבי ארון ליב מפרעמישלאן).

תגי. דער רוזינער פלעג זאגן, פורים קאן מען פועלן וואס מ'וויל, ווייל היינט איז דאך כל הפושט יד נותנים לו (ש"ע סי' תרצ"ד). איינער האט דאס דער מאנט פאר ר' יצחק'ל סקווערער, האט ער געזאגט: אויב אזוי, איז דאך היינט א זמן תשובה, ווייל דער אויבערשטער איז דאך אויך פושט יד, ווי ס'שטעהט. **וימינו פשוטה לקבל שבים...**

תד. **משנכנס אדר מרבין בשמחה.** בשמחה באטרעפט ווי דאס ווארט שנה. די שמחה וואס א איד איז מעורר דעם חודש, קען האבן א המשכה א גאנץ יאר (הרב מאפטה).

תה. **תשועתם היית לנצח.** די ישועה פון דאמאלס איז א אייביגע ווייל מען קאן זי מעורר זיין און אויף דאס ניי ממשיך זיין יעדעס יאר אין יעדן דור (הרב מסדילקוב).

## ש ב ת  ה ג ד ו ל

תו. רבי דוד לוריא האט געהאט א ידיד א גוט'ס באזיצער, א תלמיד חכם, וועלכער פלעג אים תמיד שיקן ווייץ אויף מצות, איינמאל האט ער זיך פארשפעטיגט מיט'ן שיקן דעם ווייץ, האט דער רב מורא געהאט עד זאל ניט פארגעסן, האט ער אים געשריבן „את **חטאי** אני מזכיר היום". האט אים דער גוט באזיצער געענפערט: חצוף עלי מאן דמפרש **חטאין**.

תז. **והשיב לב אבות על בנים ולב בנים אל אבותם.** די גרעסטע קאטאסטראפע פון דיא לעצטע צייטן איז בלי ספק דער שרעקליכער פירוד וואס הערשט צווישן אבות ובנים, צווישן דער אלטער גענעראציע און דעם נייעם דור. דאס איז דער גורם צו אלע טראגעדיעס און אלע פארביטערונגען. דורך דעם ווערט

צושטערט דער לעגענדארער שלום בית, די אהבת המשפחה ווערט חרוב, און א מורא'דיגער חורבן גנב'עט זיך אריין טיף אין הארצן. פון אונזער אומה, די ערשטע און פרינציפיעלסטע פארברייטונג צו דער גאולה אין בנין האומה איז דאס ווידער פארבינדן די עלטערן מיט די קינדער. זיי דארפן איינער דעם אנדערן פארשטעהען און צוזאמען ווייטער שפינען דעם חוט השני פון עם ישראל (דברי יחזקאל).

תח. **השתא הכא לשנה הבאה בארעא דישראל. השתא עבדי לשנה הבאה בני חורין.** אויב מ'באהאנדלט אונז ווי קנעכט, אויב מ'אונטערדריקט אונז מיט שווערע גזירות און פיל באגרענצונגען אין דער פרעמד, איז עס נאך צום דערליידן, ס'איז פארשטענדליך, דארום זיינען מיר דאך אין גלות, אויב אבער מ'קוקט אויף אונז ווי אויף עבדים און מ'וויל בא אונז אוועקנעמען אונזער פרייהייט, אונזערע רעכט צו לעבן און זיך צו ענטוויקלען, אין אונזער היסטארישער היים, אין ארץ ישראל, דאס איז שוין הימל שרייענד. אין ארץ ישראל דארפן מיר זיין בני חורין. דארט דארף מען אונז אכטן אלס בעלי בתים און אונז געבן אלע מעגליכקייטן זיך איינארדנען און לעבן פריי און גליקליך (הנ"ל).

תט. **ואף אתה אמר לו כהלכות הפסח אין מפטירין אחר הפסח אפיקומן.** ס'איז א פליאה, פארוואס דוקא דעם דין? ס'איז מעגליך, אז ס'פעהלט דא א ווארט, ס'האט געדארפט שטהען: עד אין מפטירין כו', דאס איז דער סוף פון דער משנה אין פרק ע ר ב י פ ס ח י ם וועלכער רעדט פון די דינים מסדר של פסח (דברי חכמים).

תי. **דצ"ך עד"ש באח"ב.** אמאל האט מען גערופן קיין פעטערבורג צוויי גדולי ישראל: ר' יצחק מוואלוזין און ר' מענדל מליבאוויטש, זיי זאלן געבן מערערע שרים. צווישן אנדערע זאכן, איז ערוועקט געווערן די פראגע פון עלילות
מערערע שרים. צווישן אנדערע זאכן, איז עדרוועקט געווערן די פרגע פון עלילות
דם: צו אידן דארפן בלוט אויף פסח. האט זיך א גייסטליכער אנגערופן, אז ער האט באוויזן פון אידישע ספרים, אז מע באנוצט בלוט אויף פסח. ער האט אויפגע־עפנט א הגדה של פסח, אויפגעמישט די שטעלע דצ"ך, און געזאגט צו די רבנים מיר ווייסן דאך, וואס די ראשי תיבות באדייטן: 'דם 'צריכים 'כולכם. זייט אייך מודה! האבן די רבנים געענפערט: ח"ו, ניט אזוי באדייטן די ר"ת, די ר"ת מאכן: ד'וברים צ'ורריכם כ'ולם, ע'לילת ד'ם ש'קר, ב'ני א'ברהם ח'לילה ב'זאת.

תיא. **ולפי שהוציא את עצמו מן הכלל כפר בעיקר.** דאס וויכטיגסטע פון אלעם איז, מ'זאל זיך ניט אפטיילן פון כלל ישראל, ניט זיין א פורש מן הצבור. וויפל מ'איז באהעפט אין מקושר צום פאלק, איז גוט. מ'קאן מיט דער צייט אויסגעהיילט ווערן פון אלע ספיקות און אלע פארבלאנזונגען (מ"י גוטמן).

## פסח

תיב. **פסח מצה ומרור.** ס׳איז א פלא, ס׳האט דאך פריער געדארפט שטעהען מרור, ווייל ער איז מרמז אויף שעבוד, וועלכער איז געווען קודם לגאולה? דער אמת איז, אז מרור איז אויך געווען ערשט בא דער גאולה. ווייל פריער האבן זיי ניט געפילט קיין מרירות פונם גלות. נאר אז ס׳האט זיך אנגעהויבן די גאולה, האבן זיי ערשט גענומען פילן דעם מרירות פון גלות. דעריבער איז פסח ומצה קודם (הרבי מגור).

תיג. **שבעת ימים מצות תאכלו.** דא שטעהט מצות מלא. ווייטער שטעהט תאכל מצת חסר, אהן א „וואוו״? ס׳זיינען פאראן גאר פרומע לייט, וואס זיינען מדקדק איבער חשש חמץ און עסן ניט מעהר ווי 4 זיתים מצה א גאנץ פסח, דער מנהג איז צו טיילן מצות ארימע לייט (ש״ע סי׳ תכ״ט). קענען דאך די גבאי צדקה זאגן, אז ס׳איז גענוג פאר די ארימע לייט נאר 4 זיתים מצות. דעריבער שטעהט תאכל מצת חסר, דו פאר דיך מעגסטו מחמיר זיין און עסן נאר 4 זיתים אבער מצות תאכלו מלא. ווען ס׳האנדעלט זיך וועגן די עניי עיר, וועגן די ארימע לייט, זאלסטו זיי געבן מצות גענוג לויט דעם פולן געברויך (ר׳ נתן אדלער).

תיד. אמאל האט דער קאצקער ז״ל, ביים סדר ניט געטיילט מרור דעם עולם. האבן זיי געוואונקען צום סאכאטשובער, ער זאל דערמאנען וועגן דעם. האט ער געזאגט א הלכה: אין דער גמרא איז פאראן א מחלוקת: מרור איז מדאורייתא או דרבנן. איך האב א ראיה אז מרור איז מדאורייתא, ווייל די רבנן געבן דאך ניט קיין מרור.

תטו. **רשע מה הוא אומר, מה העבודה הזאת לכם?** דער חכם קלערט און פארשט איבער די חוקים ומשפטים ווען זיי זיינען נאך אלס טעאריע, ווייל ער וויל נאר פארשטעהן. דאס איז יעדן ערלויבט. דער רשע וויל ניט קלערן און פארשטעהען, נאר ווען ער זעהט דאס פאלק איז מקיים פראקטיש אלע דינים, קומט ער און זאגט מיט איראניע און שפאט, מה העבודה הזאת לכם? מיט אזעלכן קאן מען קיין וכוחי ניט פירן, ער איז פארלוירן (תועפת ראם).

תטז. **ואתן לעשו את הר שעיר לרשת אותו, ויעקב ובניו ירדו מצרימה.** מיר געפינען ביים עונש פון נחש: ועפר אכל כל ימי חייך, איז דאך א קשיא, וואס פאר א עונש איז דאס? ער האט דאך תמיד זיין אכילה? נאר דער ענין איז אזוי, וואס ס׳פעהלט איינעם זיין באדערפניש און ער ליידט, נוטיגט ער זיך אין דער השגחה פון השי״ת. אבער דעם נחש האט ער אפגעגעבן זיינס, ער זאל ניט האבן קיין שום שייכות מיט דער השגחה עליונה וועגן זיין שפייז. דאס מיינט: ואתן לעשו את הר שעיר, ער זאל זיך האבן זיינס און אויס מחותן מיט השי״ת. אבער יעקב ובניו ירדו מצרימה, דארט וועלן זיי תמיד שרייען, און בעטן צום אויבערשטן און וועלן אזוי תמיד זיין מקושר להשי״ת (רבי יצחק מווארקי).

תיז. דער עיקר ביעור חמץ איז, מ׳זאל מבער זיין די עבודה זרה, דערפאר שטעהט געשריבן בא יאשיהו׳ן, וואס ער האט פארניכטעט די עבודה־זרות אין זיין צייט. „כי לא נעשה כפסח הזה״. דערמיט ערקלערט זיך דער סמיכות פון די פסוקים: אלקי מסכה לא תעשה לך, את חג המצות תשמור, וויילביידע זאכן זיינען ענג פארבינדן, ווען אלע אידן זאלן פארברענען דעם חמץ מיט דער דאזיגער כונה, וואלט גרינגער געווען ניצול צו ווערן פון גלות (רבי פנחס מקוריץ).

תיח. **גלתה יהודה מעוני — על שאכלו חמץ בפסח** (מדרש). די מצה וואס איז לחם עוני, לערנט דעם מענשן זיך צו דערווייטערן פון חיי מותרות, פון לוקסוס און איבריגן גלאנץ. די מצה לערנט צו לעבן **איינפאך**. דאס עסן, די קליידונג און וואוינונג, אלעס זאלסטו פירן איינפאך. דער גענצער אומגליק און די שרעקליכע טראגעדיע פון אונזער פאלק איז, וואס ס׳איז אונז שווער זיך געוואוינען דערצו. אלע נביאים און חכמים רעדן דערפון. חמץ איז דער סימבול פון מותרות. ס׳איז שוין צייט, מיר זאלן דאס נעמען אין אכט און זיך פארטראכטן וועגן דעם לכל הפחות בא אונזער איינארדנען א נייעם לעבן אין ארץ ישראל (מ״י גוטמן).

תיט. **אמור לו כהלכות הפסח אין מפטירין אחר הפסח אפיקומן.** אזוי ווי מ׳טאר נישט עסן נאך דעם פסח קיין אנדער שפייז, כדי ס׳זאל בלייבן דער טעם פון פסח אין מויל. אזוי זאלסטו אים געבן צו פארשטעהן און אים ערקלערן די עדות חוקים ומשפטים, אז דער טעם זאל בלייבן בא אים אויף תמיד (הרי״מ מגור).

תכ. **שהיו מסובין בבני ברק.** ס׳האט זיי געבליצט גרויסע אורות אין השגות רוחניות „האירו ברקיו תבל (רש״ל מלענטשנא).

תכא. פאר פסח איז געקומען א איד צו ר׳ חיים וואלאזינער און געפרעגט א שאלה, מ׳מעג יוצא זיין די ארבע כוסות מיט מילך? האט ר׳ חיים ארויסגענומען 5 גולדן און אים געגעבן, פרעגן אים זיינע תלמידים: רבי! אויף ווייך איז דאך גענוג 1 גולדן, פאר וואס־זשע האט איר אים געגעבן 5? האט זיי ר׳ חיים געענטפערט: וואס פארשטעהט איר ניט? ער האט דאך קיין פלייש אויף יום טוב אויך ניט, דען ווען ער זאל האבן פלייש, ווי אזוי קאן ער טרינקען מילך? דאס שטעהט: אשרי משכיל אל דל, מען דארף פארשטעהן, וואס אים פעהלט נאך.

תכא. **רבי יהודה היה נותן בהן סימנים.** ווען רבי ר׳ העשיל איז נאך א קינד געווען, איז זיין פאטער מיט אים געפארן קיין הענוי (דייטשלאנד). דער בעל אכסניא איז געווען זעהר א קארגער, האט ער זיי געגעבן טרינקען אין קליינע כוסות. האט זיך ר׳ העשיל זעהר צולאכט. פרעגט אים זיין פאטער: וואס לאכסטו, העשילי? ענטפערט ער: תמיד ווען איך פלעג קומען אין דער הגדה צו „רבי יהודה היה נותן בהם סימנים״ האב איך מיך געוואונדערט: וואס האט דא ר׳ יהודה אויפגעטון? ווער קאן דען ניט מאכן די ר״ת פון דצ״ך עד״ש באח״ב? היינט איז מיר שוין רעכט. ר׳ יהודה האט געזעהן ברוח הקודש, אז אין הענוי וועט זיין

א קארגער בעל אכסניא, וואס וועט געבן זיינע אורחים קליינע כוסות. אויב מ'וועט דארפן אפגיסן בא די עשר מכות 10 מאל, וועט דאך אין דער כוסה גאר ניט בלייבן, האט ער מקדים געווען רפואה למכה, אז מ'זאל זאגן בקיצור, דצ"ך עד"ש באח"ב, וועט מען דארפן אפגיסן נאר 3 מאל, וועט נאך עפעס בלייבן אין כוסה...

תכג. די וועלט פרעגט: פארוואס האבן זיי ניט געזאגט שירה תיכף באם ארויסגעהען פון מצרים? וואס האבן זיי געווארט ביז איצט?

נאר דאס ערקלערט זיך לויט די גמרא זאגט (קדושין ט"ז): עבד שברח לפני שש צריך להשלים. די אידן זיינען אויך ארויסגעגאנגען פון מצרים איידער ס'איז פארפולט געווען די ארבע מאות שנים לויט דער גזירה פון ברית בין הבתרים, דעריבער האבן זיי ניט געזאגט שירה, ווייל זיי וועלן נאך מוזן משלים זיין דעם שעבוד, נאר היינט אז זיי האבן געזעהען ווי די מצרים זיינען אויסגעשטארבן, האבן זיי געוואוסט, אז זייער באפרייאונג איז א גענצע, ווייל דער דין איז: אם מת האדון, אין צריך להשלים. דאס מיינט די תורה: ויושע ד' ביום ההוא, היינט איז ערשט פארגעקומען די ישועה, פארוואס? ווייל: וירא ישראל את מצרים מת, דערמיט האבן זיי זיך איבערצייגט אין דער זיכערקייט פון זייער באפרייאונג, דעריבער: אז ישיר משה ובנ"י את השירה הזאת (רבי ר' השיל).

תכד. ויאמרו לאמר, זיי האבן אויף זיך מקבל געווען תמיד צו זאגן די שירה (נפלאות חדשות).

תכה. רבי חיים צאנזער האט אמאל געמוסרט איינעם פארוואס ער האט אויס געדונגען יענעם די ארענדע, ענפערט אים דער איד: רבי! יענער איז דאך א „פושע ישראל" איז א מצוה אים **באגראבן**. האט אים ר' חיים געזאגט: האסט א טעות, דאס איז גאר קיין מצוה ניט, מיר געפונען אין מדרש, אז די מכה פון חושך איז געווען ווייל ס'האבן זיך געפונען צווישן אידן רשעים, האט מען זיי **מקבר** געווען אין פינסטערניש, די מצרים זאלן ניט זעהען. טראץ דעם זאגט דער מדרש אויף „ואת ערום ועריה" אז אידן האבן ניט געהאט קיין שום זכות פון מצוה, האט זיי דער אויבערשטער געגעבן די מצות פון פסח און מילה. איז דאך א ראיה אז דאס וואס זיי האבן **מקבר** געווען די פושעים איז ניט גערעכנט פאר א מצוה.

תכו. **מפני מה מועדים „שבבבל" שמחים מפני שלא היו באותה קללה** (שבת קמ"ה). מועדים שבבבל מיינט יום טוב שני של גליות. אין א"י האלט מען נאר איין טאג יו"ט. דער נביא ישעיה האט געשאלטן די ימים טובים „והשבתי חגה ומועדה", ער איז דאך אבער געווען אין א"י, האט ער פארשאלטן נאר דעם ערשטן טאג יו"ט, דערפאר זיינען די מועדים שבבבל, דאס הייסט יו"ט שני של גליות, יא פרעהליכע, ווייל זיי זיינען ניט געווען אין כלל פון דעם נביא'ס קללה (ר' פנחס מקוריץ).

תכ"ז. דער 8־טער טאג פסח הייסט אחרון של פסח, מיר געפונען ניט אזוי בא קיין שום יו"ט. דער ענין איז: ווייל אין דער גמרא (ברכות י"ב) שטעהט, וכי

מזכירין יציאת מצרים לימות המשיח? און אזוי ווי מיר האפן אז לשנה הבאה בירושלים, דארף דאך יעצט זיין אחרון של פסח, ווייל לימות המשיח וועט ניט זיין פסח.

## שבועות

תכח. רבי מאיר'ל דזיקאווער פלעגט מקפיד זיין, זיינע חסידים זאלן צו אים קומען אויף שבועות גיכער ווי ר"ה יו"כ, ווייל ר"ה קאנען זיי מורא האבן פאר דעם דין אויך אין דער היים, אבער שבועות איז דאך א יו"ט, וואס מ'דארף „לכם" קענען זיי אין דער היים ח"ו מגושם ווערן, דערפאר וויל ער זיי זאלן קומען צו אים.

תכט. רד העד בעם פן יהרסו לעלות אל ד' ונפל ממנו רב. דער מורה נבוכים שרייבט, אז ווען דער מענש שטרענגט זיך צופיל אן און וויל משיג זיין העכער ווי די מעגליכקייט פון זיין כח און מוח, ווערט ער נאכדעם אפגעשוואכט און פאלט גייסטיג אראפ, אז ער קאן שוין ניט משיג זיין, אפילו, וואס ער איז פריהער יא געווען פעהיג צו באגרייפן.

תל. פארוואס זאגט מען שבועות זכר ליציאת מצרים? ווייל כל זמן די אידן האבן ניט מקבל געווען די תורה, איז נאך גאר ניט געווען דער אמת'ער יציאת מצרים. דער עיקר יציאת מצרים איז געווען בשעת קבלת התורה, ווען ס'איז געווען פסקה זוהמתן (הרי"מ מגור).

תלא. למה נקרא שמה תושיה? שמתשת כחו של אדם (סנהדרין כ"ו). די תורה איידלט אויס דעם מענשן, ער זאל ניט זאגן כחי ועוצם ידי עשה לי את החיל הזה (מפרשים).

תלב. שבועות זאגט מען זמן מתן תורתנו, ניט זמןקבלת תורתנו, ווייל דאס ווארט באדייטעט, אז מיר האבן שוין מקבל געווען די גאנצע תורה, באמת אבער האבן מיר ניט אינגאנצן מקבל געווען, ווייל יעדן טאג איז השי"ת משפיע תורה, און יעדן טאג איז פאראן נתינת התורה, נאר דער אנהויב פון דער נתינה איז געווען שבועות (נפלאות חדשות).

תלג. שבועות ווערט אנגערופן זמן מתן תורה ניט זמן קבלת התורה, ווייל די קבלה איז אויך א מתנה מן השמים, אזוי ווי ס'שטעהט כי לקח טוב נתתי לכם, נאר השי"ת בעט: תורתי אל תעזובו! מיר זאלן וויסן אז ס'איז זיינתורה (הרי"מ מגור).

תלד. דערפאר הייסט שבועות זמן מתן תורתנו און ניט זמן קבלת תורתנו, ווייל דאמאלס איז געווען זמן נתינה, אבער די קבלה איז שטענדיג אין יעדער צייט. און נאך איין פשט: דאמאלס איז געווען דער מתן תורה צו יעדן גלייך, אבער די קבלה איז געווען פארשידן פון איינעם צום צווייטן, יעדער האט משיג געווען נאך זיין ערך (רבי מענדל מקאצק).

תלה. דער מדרש זאגט, אז פאר קבלת התורה זיינען אידן פארשלאפן,

דער ענין איז, זיי האבן געהאט **ביטול הרגשה** זיי האבן זיך אינגאנצן מבטל געווען צו השי"ת (רבי חנוך מאלכסנדר).

תלו. **אם מקבלים אתם את התורה מוטב. ואם לאו, שם תהא קבורתכם** (שבת פ"ח). ס'האט דאך געדארפט שטעהן כאן, ניט שם? נאר די כונה איז, שם, דארט און יעדן ארט, אין יעדן לאנד וואו איר וועט אייך געפונען, וועט איר קיין רוה ניט האבן, מ'וועט אייך דערקוטשען און פאר פאלגען, דאס אלעס וועט זיין דערפאר, וואס איר היט ניט די תורה (מהרי"ח רייכעס).

תלז. פארוואס שטעהט ניט אין דער תורה אז מ'זאל זיך דערווייטערן פון די שלעכטע מדות און תכונות רעות? די תורה איז געגעבן צו דעם וואס איז שלם במדותיו, אויב א איד האט מדות טובות און איז נזהר פון אלע מדות רעות, דאמאלס איז ער א כלי מוכן לקבל התורה (הרי"מ מגור).

תלח. דער מנהג איז צו עסן מאכלי חלב אום שבועות, ווייל ס'שטעהט אין כתבי אר"י ז"ל מ'זאל אפגאלן דעם קאפ בתער און לאזן די פיאות, דערמיט וועט זיך דערקענען די מצוה פון לא תקיפו פאת ראשכם. אזוי איז אויך מיטן עסן מילכיגס, פריער עסט מען מילכיגס, דערנאך ווארט מען כדין און מ'עסט פליישיגס, דערקאנט זיך אז מ'איז מקיים די מצוה ל"ת פון איסור אכילת בשר בחלב, דאס איז דער ענין פון מצות הגבלה (הרי"מ מגור).

תלט. אויף דעס אופן איז פארשטענדליך דער מנהג פון הרי"מ מגור ז"ל, יעדן פרייטאג פארנאכט, פאר הדלקת הנרות, פלעג ער אנצינדן דעם לילקע ציבעק, אנהויבן רויכערן און תיכף אוועקווארפן, ווען מ'האט אים געפרעגט דעם טעם דערפון, האט ער געזאגט: בא יעדען איז פאראן היכר בין חול לקודש בשעת כניסת שבת: סוחרים פארמאכן די קלייטן. בעלי מלאכות לעגן אוועק די ארבעט. בעלי עגלות פארשליסן די פערד און וועגן. אבער בא מיר וואס פאר א היכר איז דא צווישן חול און שבת? דעריבער מאך איך דעם היכר מיט דעם רויכערן.

תמ. **וזאת לפנים בישראל.** צוריק מיט צייטן איז אזוי געווען בא אידן: על הגאולה, ווייל זיי האבן געגלויבט אז די די גאולה וועט קומען, ועל התמורה, זיי האבן געהאפט, אז די צייטן וועלן זיך בעסערן. שלף איש נעלו ונתן לרעהו, האט א מענש אראפגענימען פון זיך דעם שיך און אוועקגעגעבן דעם צווייטען (רבי צבי מברלין).

## דברי חסידות

### שנמסרו מגאון החסידות סבא קדישא אדמו"ר מליובאוויטש נ"ע.

א. מענה הצ"צ על יחידות: כתיב יעזוב רשע דרכו ואיש און מחשבותיו גו'. און הוא מל' און בחולם, שפירושו כח ועוז. וכשם דיעזוב רשע דרכו זהו דבר המוכרח, אשר בלא תשובה אי אפשר לגשת אל הקדש, הנה כמו כן צריך האיש און, כלומר איש החזק בדעת עצמו, לעזוב מחשבותיו, ולא יאמר איך זאג אזוי, איך האלט אזוי, כי כל „איך" ומציאות הוא מקור הרע וגורם פירוד לבבות.

ב. דער צ"צ האט געזאגט ר' הענדל'ן אויף יחידות: זוהר איז מרומם דעם נפש, מדרש איז מעורר דאס הארץ, און תהלים מיט טרערען וואשט אויס די כלי.

ג. בהיות הצ"צ ילד ולמד את הכתוב ויחי יעקב בארץ מצרים שבע עשרה שנה, תירגם לו מורו — ע"פ פי' בעה"ט — יעקב אבינו האט געלעבט די זיבעצעהן בעסטע יאהרען אין מצרים. כשבא הביתה מהחדר שאל את זקנו אדמו"ר הזקן: היתכן שיעקב אבינו, בחיר האבות, יהיו מבחר שנות חייו יז שנה שגר בארץ מצרים ערות הארץ.

ויענהו אדמוה"ז: כתיב ואת יהודה שלח לפניו אל יוסף להורות לפניו גשנה, ואיתא במדרש — מובא ברש"י — א"ר נחמי' להתקין לו בית תלמוד, שתהא שם תורה ושיהיו השבטים הוגים בתורה. להורות לפניו גשנה, אז מען לערענט תורה ווערט מען נעהנטער צום אויבערשטען ב"ה, און אויך אין מצרים איז געוועןויחי געלעבט.

ד. דער מיטעלער רבי האט געענטפערט איינעם אויף א יחידות: אז איינער רעדט מיט דעם אנדערען בעניני עבודה און זיי לערנען צוזאמען, איז דאס צוויי נפש האלקית אויף איין נפש הטבעית.

ה. אאזמו"ר שאל את הצ"צ: וואס האט דער זיידע געוואלט מיט דרכי החסידות, און וואס האט ער געוואלט מיט חסידות. ויענהו הצ"צ: דרכי החסידות איז, אז אלע חסידים זאלען זיין ווי איין משפחה ע"פ התורה באהבה. חסידות איז חיות. אריינטראגען א חיות און באלייכטען אלץ, אויך דעם לא טוב, מען זאל וויסען פון דעם אייגענעם רע ווי ער איז, אויף מתקן זיין עס.

ו. רבינו הזקן אמר: אידישע גשמיות איז רוחניות, דער אויבערשטער גיט אונז גשמיות, מיר זאלען דערפון מאכען רוחניות. אמאל אז עס איז לרגע ניט אזוי, דארפען געבען דאס אויבערשטען אפילו מנחת עני, גיט ער א פולע.

ז. אמי זקנתי (הרבנית מרת רבקה נ"ע) בהיותה כבת שמונה עשרה שנה — בשנת תרי"א — חלתה, וציוה הרופא אשר תאכל תיכף בקומה משנתה, אמנם היא לא חפצה לטעום קודם התפלה, והיתה מתפללת בהשכמה, ואחר התפלה היתה אוכלת פת שחרית. כשנודע הדבר לחותנה אדמו"ר הצ"צ, אמר לה: א איד דארף זיין געזונד און א בעל כח. אויף מצות שטייט וחי בהם, איז דער טייטש וחי בהם, מען

דארף אריינבריינגען א חיות אין מצות. בכדי אז מען זאל קענען אריינברייגען א חיות אין מצות, מוז מען זיין א בעל כח און זיין בשמחה. וסיים: דו דארפסט ניט זיין קיין ניכטערע. בעסער עסען צוליב דאוונען ווי דאוונען צוליב עסען. ובירכה באריכות ימים, — (נולדה בשנת תקצ״ג ונפטרה י שבט תרע״ד). — מאמר זה אמר אאמו״ר לאחד על יחידות, והוסיף: און מען דארף עס טאן בשמחה.

ח. מענה הצ״צ לאאזמו״ר בהיותו כבן שבע: החסד ויתרון המעלה אשר האלקים עשה את האדם ישר להיות הולך בקומה זקופה הוא, דהגם שהולך על הארץ, מכל מקום הוא רואה את השמים, לא כן בהולך על ארבע דאינו רואה אלא את הארץ.

ט. בא כ״ק אבותינו רבותינו הקדושים, איז, לבד דער ענין פון התעוררות רחמים אויף די מקושרים, געווען א עבודה פון דערמאנען בינו לבין עצמו די מקושרים, און אריינטראכטען בענין אהבתם והתקשרותם כמים הפנים, וואס דאס איז מעורר די כחות פנימים פון דעם וואס מ׳טראכט ועגען עם, ווי מיר זעהען במוחש, אז מ׳קוקט שטארק אויף איינעם מוז ער אקוק טאן, ווייל די הבטה פנימית איז מעורר דעם עצם הנפש, און אזוי איז אויך אין דעם כח המחשבה.

י. אאמו״ר אמר: צווישען קעלט און כפירה איז גאר א דינע מחיצה. עס שטעהט כי ה׳ אלקיך אש אוכלה הוא, אלקות איז פלאם פייער, לערנען און דאוונען בעדארף מען מיט התלהבות הלב, אז כל עצמותי תאמרנה די דברי ה׳ אין תורה ותפלה.

יא. אלו ידעתם — אמר אדמו״ר הצ״צ — כחם של פסוקי תהלים ופעולתם בשמי רום, הייתם אומרים אותם בכל עת. תדעו שמזמורי תהלים שוברים כל המחיצות, ועולים בעילוי אחר עילוי בלי שום הפרעה, ומשתטחים לפני אדון עולמים ופועלים פעולתם בחסד וברחמים.

יב. דער אלטער רבי האט אמאל געזאגט: פירש״י אויף חומש איז יינה של תורה, פותח הלב ומגלה אהבה ויראה עצמיות, פירש״י אויף גמרא איז פותח המוח ומגלה שכל עצמי.

יג. רבינו הזקן אמר: מצות אהבת ישראל הוא ליליד עם ישראל אשר מעולם לא ראה אותו, ומכל שכן לחבר עדת ישראל אשר במקום מגורו, שהוא בן או בת עדתו.

יד. דער אלטער רבי האט אמאל אריינגערופען א יונגערמאן פון דעם מגיד׳ס תלמידים, און האט איהם געזאגט — מיט א ניגון, כדרכו — : „איך האב א מצוה פון ולמדתם אותם את בניכם, דו האסט א מצוה פון זן ומפרנס בני ביתו, לאמיר זיך בייטען: איך וועל דיר געבען דו זאלסט קענען מקיים זיין דיין מצוה, און דו לערען מיט מיין זון — דאס איז געווען דער מיטעלער רבי — און האט איהם מבאר געווען סדר הלימוד: דאס ערשטע לערענט מען אותיות א. ב... וואס איז אן אלף — א פינטעלע פון אויבען, א פינטעלע פון אונטען, א קו באמצע — דאס איז אן אלף. א קינד מוז וויסען, אז דער אלף פון תורה איז דער יוד פון אויבען דער

יוד פון אונטען מיט דעם קו פון אמונה וואס באהעפט זיי. נאך א נוסחא איז דא: „א יוד למעלה דאס איז די נשמה, א איד למטה דאס איז דער גוף און א קו של יראת שמים באמצע".

טו. אאמו"ר אמר: בא מיר איז ברור, אז א חסידישער איד זיצט אין בית המדרש, און לערענט אדער חזר'ט א חסידות ברבים, איז א שמחה בא די זיידעס, און זייער שמחה איז מספיק פאר איהם, קינדער און קינד'ס קינדער רוב טוב בגשמיות וברוחניות.

טז. א סך יאהרען נאך פאר פעטערבורג (המאסר שם בשנת תקנ"ט), איז דער אלטער רבי אמאל ארויס צום עולם און האט געזאגט: אין גן עדן דערהערט מען די טייערקייט פון עולם הזה. לא מיבעי מלאכי השרת, אפילו נאצלים הראשונים וואלטען אלץ אוועקגעגעבען פאר א אמן יהא שמי' רבא פון א אידען, אז ער זאגט בכל כחו כפירושו בכל כוונתו, היינו אז ער איז אינגאנצען אין דעם.

דאס איז געווען דער גאנצער מאמר, און ער האט געפועלט אזא התלהבות והתלהטות בא די הערער, אז א גאנץ יאהר האט מען געזאגט איש"ר מיט א ברען.

יז. תורת רבינו הזקן בתחלת בואו לליאזנא: לעולם יהא אדם זהיר בתפלת המנחה. יתרון תפלת המנחה על התפלות דשחרית וערבית הוא בזה, שהיא באמצע היום, בשעה שבני אדם עסוקים וטרודים בעניניהם, ומפסיקים לתפלת המנחה. וזהו: לעולם, עבודת האדם בעולם היא, שיהא אדם, שכל המאיר ופועל במידות, זהיר יאיר, היינו התגברות הצורה על החומר, וזה ניכר בענין תפלת המנחה.

יח. אדמו"ר האמצעי ענה לר"ה פאריטשער על שאלתו, אם יחזור חסידות גם בעיירות שאנשיהם אין להם מושג בחסידות: דברי חסידות הערט די נשמה. וכתיב ונוזלים מן לבנון, לבנון ל"ב נו"ן, חכמה ובינה שבנשמה. און אז די נשמה הערט, איז נוזל ונוטף אין דער הארת הנשמה וואס איז מחי' דעם גוף, און עס ווערט א חזוק אין דעם ועשה טוב פון רמ"ח מ"ע און אין דעם סור מרע פון שס"ה מל"ת.